STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02168

LEBENS BESHRAYBUNG FUN BINYAMIN FRANKLIN

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

לעבענס בעשרייבונג פון

Lebens beshraibung

בנימין פראנקלין.

Franklin

אוּן די

בעפרייאונג פון אמעריקא

פריי איבערזעצט פון רוסישען דורך

ש. ל. הורוויץ.

פערלאג „פראגרעס" ווארשא

1901.

דרוק א. גלינקא ווארשא גענשע № 20

ЛЕВЕНСЪ ВЕШРАЙВУНГЪ

фунъ ВИНЯМИНЪ ФРАНКЛИНЪ

т. е. Біографія Б. ФРАНКЛИНА

перевелъ съ русскаго Ш. Л. Гурвичъ

Издательство „ПРОГРЕССЪ", Варшава

1901.

Въ Тип. А. Глинка, Варшава, Гусья № 20.

Дозволено Цензурою.
Варшава 27 Марта 1901 года.

*B
F831h
cop. 2.
PROPERTY OF
THE CITY OF NEW YORK

צו די לעזער

די לעבענס בעשרייבונגען פון גרויסע בעריהמטע מאַננער, זועלכע האָבען געשפּיעלט אַ וויכטיגע ראָלע אין דער געשיכטע פון דער מענשליכער ענטוויקלונג, דיענען אלס איינע פון די בעסטע קולטיוויר ענדע און בילדענדע מיטלען. מיר פאַנגען אַן פון בנימין פראַנקלין, דאַדורך, ווייל מיר געפינען אין דער געשיכטע זעהר וועניג גרויסע מענשען, וואָס זייער זשעני זאָל זיין אזוי פיעל זייטיג און זייער ביאָגראַפיע אזוי טיעף בעלעהרענד, ווי פראַנקלינס ביאָגראַפיע, פון וועלכער זייט מיר זאָלען איהם ניט בעטראַכטען: אלס פּאַטריאָט און פאָלקסקאַמפּפער, אלס פּאָליטישער ווירקער, געלעהרטער אָדער פובליציסט, אלס געזעללשאַפטליכער און פריוואַט מאַן, — איבעראַל וועקט אין אונז טיעפע בעוואונדערונג זיין גרויסקייט, איבעראַל ציעהט אונז צו זיך, ווי מיט אַ צויבער, די מערקווירדיגע פערזענליכקייט פון דיזען גרויסען מענשען און דיזע פערזענליכקייט פערדינט די אונז נאָך מעהר אַכטונג דערמיט, וואָס ער האָט אַלעס ערדייכט מיט זיינע אייגענע פלייסיגקייט און פעסטען ווילען, דען זייענדיג געבאָרען און ערצויגען אין אַ קרייז פון געוועהנליכע אַרבייטער, האָט ער זיינע בעסטע יאָהרען, גלייך ווי אַלע אַרבייטער, געמוזט אָפּפערען דעם קאַמפּף פאַר'ן טאָגליכען געברויך. גאַנץ אָפט האָט ער געליטען הונגער און נויט און דאָך איז ער בעזעסען אזוי פיעל ענערגיע און מוטה, אז ער האָט זיך אויסגעאַרבייט פון אַ אונטערדריקטען אַרבייטער אויף איינעם פון די גרעסטע קעמפּפער פיר מענשליכע פרייהייט. און דעריבער קען פראַנקלינס לעבענסגעשיכטע דיענען אלס ביישפּיעל פיר יעדען געוועהנליכען מענשען,

ער זאָל זעהן, אַז יעדער מענש אין וואס פֿיר אַ שלעכטע לאַגע ער זאָל זיך נים געפֿינען איז ער דאָך אימשטאַנד עפּיס צו טהאָן פֿיר דער מענשהייט.

מיט פֿראַנקלינס לעבענסבעשרייבונג איז אויך פֿעסט פֿערבונדען די היסטאָריע פֿון דער מלחמה פֿון די נאָרד-אַמעריקאַנער קאָלאָניען פֿיר זייער בעפֿרייהונג. די לעזער ווערען אַלזאָ דאָ בעקאַנט מיט דער וויכטיגסטער געשיכטספעריאָדע פֿון די פֿעראייניגטע שטאַאַטען (אַמעריקע), וואָס איז צוזאַמען דערמיט איינע פון די מערקווירדיגסטע בלעטער אין דער אַלגעמיינער געשיכטע פֿון דער מענשהייט.

די פֿערלאַג „פּראָגרעס"

I

ו פראנקלינס קינדהייט.

פראנקלין איז א אמת'ער זוהן פון פאלק. זיינע אורעלטערן האבען הונדערטע יאהרען לאנג בעוועסען אין ענגלאנד א קליין שטיקעל ערד, וועלכעס זיי האבען בעארבייט און דערפון געלעבט. די איינקינפטע פון דער שטיקעל ערד אבער זיינען געוועזען זעהר וועהניג און דיא פראנקלינס זיינען געוועזען געצוואונגען, אום צו בעקומען זייער לעבענסמיטעל, צוניצען צו דער לאנד ארבייטער אויך א מלאכה. אנפאנגס זיינען זיי געוועזען איינפאכע קיהלענגראבער; נאר נאכהער האבען זיי אנגעהויבען צו בעשעפטיגען זיך מיט העכערע מלאכות, ווי וועבעריי א. ד. ג.. פראנקלינס פאטער איז געוועזען, ווי עס רעדט זיך א כל יכול, א מייסטער אין יעדען פאך, נאר זיין הויפט בעשעפטיגונג איז בעשטאנען אין ארבייטען זייף און חלבנע ליכט. פראנקלינס פאמיליע איז בעשטאנען פון געוועהנליכע האנדווערקער, פונדעסטוועגען זיינען זיי אין זייער גייסטיגער ענטוויקלונג געשטאנען פיעל העכער פון דער מיטטעלער קלאססע. פראנקלינס אנקעל איז שוין געוועזען א געזעללשאפטליכער מענש אין וואהרען זינען דעם ווארטעס. ער איז געוועזען דער איניציאטאר (שטיפטער) פון פיעלע ניצליכע איינפיהרונגען אין זיין געזעללשאפט און אהן איהם האט זיך ניט געפיהרט קיין קהל'שע זאך; צוויי אנדערע אנקעלס פראנקלינס זיינען אויך געוועזען זעהר געבילדעטע מענשען, לויט נאך זייער צייט. פראנקלינס פאטער איז געוועזען וועניגער פון אלע זיינע ברידער געבילדעט, נאר דערפאר האט ער הויך געשאצט די

בילדונג, און דיזע אכטונג האט ער פערשטאנען איינצופלאנצען אויך אין זיינע קינדער.

אין 1685-טען יאהר האט פראנקלינס פאטער אויסגעוואנדערט פון ענגלאנד נאך אמעריקא, וואהין עס האבען דאמאלס, נאך פיעל מעהר ווי היינט געשטרעבט פון אייראפא אלע מענשען פיר וועלכע עס איז געווען ענג די אלטע וועלט און האט געזוכט פרייהייט רעכט און די מעגליכקייט צו לעבען אהן נויטה פון ארבייט. איינע פון די הויפט אורזאכען, וואס פראנקלינס פאטער האט גלייך ווי פיעל אנדערע, אויסגעוואנדערט נאך אמעריקא — זיינען די דריקונגען, וואס די נאנ-קארפאמיסטען, א רעליגיעזע זעקטע, צו וועלכע די פראנקלינס האבען אויך געהערט, האבען פיעל געליטען אין ענגלאנד און די האפנונג צו געפונען אין אמעריקא פאלקאמענע רעליגיעזע פרייהייט, וועלכע זיי האבען ווירקליך געפונען, אין אמעריקא האט פראנקלינס פאטער באלד פערלארען זיין פרוי, וועלכע האט איהם איבערגעלאזען זיעבען קינדער און ער האט געהייראטעט אצווייטען מאהל. די צווייטע פרוי האט איהם געבארען צעהן קינדער. דאס לעצטע, דאס הייסט דאס זיעבצעהנטע קינד. איז געוועזען דער בע־ריהמטער בנימין פראנקלין.

פראנקלינס זיידע פון דער מוטטערס צד איז אויך געוועזען א פעהיגער און א געבילדעטער מענש און האט געשפילט א בעדייטענ־דע ראלע אין דער ערשטער געשיכטעס-פעריאדע פון די ענגלישע קאלאניען אין אמעריקא. זיין טאכטער, פראנקלינס מוטטער, האט פון איהם געירשענט די דולדונגס פרינציפען צו יענעמס בעגריפען און האט עס איבערגעגעבען אין בעדייטענדעם מאס איהר בעריהמ־טען זוהן.

יעדער פון פראנקלינס ברידער האט זיך געלערנט א מלאכה פון וועלכער ער האט זיך ערנעהרט. די גרעסטע ראלע אין פראנקלינס לעבען האט געשפיעלט איינער פון זיינע ברידער, וועלכער האט זיך אומגעקעהרט צוריק נאך ענגלאנד און דארט זיך אויסגעלערנט פיר א זעצער. דערנאך איז ער ווידער געפאהרען נאך אמעריקא און דארט געעפענט איינע פון די ערשטע דרוקעריי.

אין דיזען ברודערס דרוק האט פראנקלין אנגעהויבען צו פיהרען זיין זעלבסטשטענדיגעס לעבען אלס לעהרלינג אין דרוקעריי. פראנקלינס פאטער האט געהאט א ידיעה אין מעכאניקע און טעכניקע און דאס האט איהם געהאלפען אויסצובעסערען זיין האנדווערק און צו קענען געבען גוטע עצות די זיהן אין זייערע ספעציעלע בעשעפטיגונגען. נאר הויפטזעכליך האט ער זיך אויסגעצייכענט מיט זיין גוטעס הערץ און געזונדען פערשטאנד. די זארגען וועגען זיין גרויסע פאמיליע האבען איהם ניט ערלויבט אבצוגעבען זיך מיט קהל'שע זאכען, דאך איז זיין עהרליכקייט און קלוגהייט אזוי בעקאנט געוועזען, אז מענשען וועלכע זענען געשטאנען אין דער שפיצע פון געזעללשאפטליכע חברות פלעגען זיך אפט ווענדען צו איהם פרעגען א עצה.

די איינציגע פרייע צייט, וואס דער מענש האט געהאט, איז געווען די צייט פון עסען און דיזע פלעגט ער גערן פערברייבען אויף פערנינפטיגע געשפרעכען מיט זיינע קינדער אדער מיט יעמאנדען פון די שכנים, וועלכע פלעגען איהם צו דיזער צייט גערן בעזוכען. דיזע געשפרעכע זיינען געווען אנ'עכטע שולע פיר די קינדער. די פערהעלטניססע צווישען פראנקלינס פאטער און מוטער צו זייערע קינדער זיינען געוועזען העכסט פריינדליכע; די קינדער האבען קיין מאל ניט געהערט א שטרענגעס ווארט. ווען די עלטערן האבען עטוואס געפאדערט פון די קינדער אדער זיי וואס פערבאטען פלעגען זיי איממער באלד ערקלערען די קינדער די ריכטיגע אורזאכע פאר וואס זיי פערלאנגען אזוי און דאריבער האבען די קינדער היילינג ערפילט יעדען וואונש פון די עלטערן.

מיר האבען אונז עטוואס לאנגער אבגעשטעלט אויף דער שילדערונג פון דער ספערא אין וועלכער פראנקלין איז געבארען און ערצויגען געווארען, ווייל, עס איז בעקאנט, שפיעלט דער פאמיליענקרייז פון א מענשען די הויפט ראללע אין זיין ענטוויקלונג און איים בילדונג. אום גרינדליך און ריכטיג צו קענען לערנען דאס חאראקטער און לעבען פון א גרויסען מענשען, איז נייטהיג אלזא אריין צו קוקען טיעפער אין די אומשטענדע און בעדינגונגען, וועלכע האבען איהם ארומגערינגעלט אין לעבען. דיזע בעדינגונגען האבען בייגעהאלפען

צו ענטוויקלען יענע טאַלאַנטע מיט וועלכע די נאַטור האָט פראַנק־לינען בעשאָנקט, אָבער די אָרימקייט און נויטה האָט צו גענומען אלע זיינע קרעפטען און צייט דער קאַמפף מיט דער נויטה האָט זיך אָנגעהויבען פיר פראַנקלינען זעהר פריה; שוין אויף די ערשטע שטאַפּפלען פון זיין לעבען, האָט פראַנקלין זיך בעקאַנט מיט דער נויטה, וועלכע האָט איהם גערויבט די מעגליכקייט צו בעקוממען סיסטעמאַטישע בילדונג און האט איהם געמאַכט צום איינפאַכען אַרבייטער, דיזען קאַמפף מיט דער נויטה האט פראַנקלין געמוזט פיהרען לאַנג, ביז ער האָט זי ענדליך בעזיגט און בעקומען די מעגליכקייט צו בענוטצען זיינע טאַלאַנטע אויף צו אַרבייטען פיר די אינטערעסען פון דער מענשהייט.

פראַנקלין איז געבאָרען אין יאָהר 1706 אין דער שטאָדט באָסטאָן. ער האָט זעהר פריה זיך אויסגעלערענט לעזען און דאַדורך האָט דער פאָטער גערענקט איהם אָבצוגעבען לערנען און מאַכען פון איהם מיט דער צייט אַ גייסטליכען, דען די איינציגע געלעהרטע מענשען צו יענער צייט זיינען געוועזען די גייסטליכע. אין דיזער אויסזיכט האָט איהם דער פאָטער צו אַכט יאָהר אָבגעגעבען אין א שולע. דאָרט האט פראַנקלין אַרויסגעוויזען אַזעלכע גוטע פעהיג־קייט, אַז אין אַ האַלב יאָהר אַרום האָט מען איהם שוין איבער גע־זעצט אין צווייטען קלאַסס און צום שלוס יאָהר — אין דריטטען. ליידער אָבער איז זיין פאָטער ניט אימשטאַנד געוועזען צו האַלטען איהם ווייטער אין שולע און האָט איהם צוגענומען צו זיך ער זאָל איהם העלפען אַרבייטען זייף און חלבנע ליכט.

צוויי יאָהר האָט פראַנקלין פערבראַכט ביי זיין פאָטערס אַרבייט, ביז דער פאָטער האָט זיך ענדליך איבערצייגט, אַז די זייפענזידעריי וועט קיין מאָל ניט אַנציהען זיין יונגסטען זוהן, דאַריבער האָט ער זיך בעמיהט אוים צוגעפינען פיר איהם עפעס אַנ'אַנדער האַנדווערק, וועלכע זאָל איהם מעהר בעליעבט זיין. ער האָט דורכגעפיהרט זיין זוהן דורך אַגאַנצע רייהע ווערקשטאַטען פון די פערשיעדענסטע האַנדווערקע, אין יעדען אָרט האָט ער אַ געוויסע צייט זיך געלערענט און דאָס איז איהם שפּעטער זעהר צוניץ גע־

קומען אין לעבען, אָבער קיין איין אַרבייט האָט זיך ניט געפונען, וואָס זאָל זיין פראַנקלינען צום הארצען און דער פאָטער האָט איהם יעדעס מאָל צוגענומען פון דער אַרבייט אהיים און ניט געצוואונגען צו לערנען זיך אַזאַ אַרבייט, וועלכע איז איהם ניט צום האַרצען. ענדליך האָט פראַנקלינס פאָטער אויסגעפונען די ריכטיגע פאַסענדע מלאָכה פיר זיין זוהן. פראַנקלין האָט באַלד, ווי ער איז ארויס פון דער שולע, זיך גענומען מיט גרויס חשק צום לעזען ביכער. אין יענער צייט איז אין אַמעריקא ביכער געווען אַ זעלטענהייט, קיין לעזער ביבליאָטהעקען איז ניט געוועזען, מען האָט געמוזט קויפען ביכער און פראַנקלין האָט אויסגעגעבען כמעט יעדע קאָפּיקע, וועלכע איז איהם אריין געקומען אין האַנד, אויף ביכער. אָנפאַנגס האָט ער זיך אָנגעלעזען מיט רייזע-בעשרייבונגען, דערנאָך האָט ער זיך גע-נומען צו רעליגיאָנסביכער. דיזע ביכער האָבען אויף איהם געמאַכט אַ שלעכטען איינדרוק, די וכוחים אין אֶמונה זאַכען זיינען איהם גע-וואָרען אַנטיפּ...ש אויף זיין גאַנצעס לעבען. זעהר אַ שטאַרקען איינדרוק האָט אויף איהם געמאַכט אַ בוך, וואָס האָט ענטהאַלטען פיעל אריגינעלע אידעען פיר יענער צייט, וועלכע זיינען שפעטער. אריין אין לעבען. אין דעם בוך האָט זיך, צום ביישפיעל, גערעדט וועגען אַ בעסערע איינריכטונג פון די געלד-באַנק, אַז יעדער האַנד-ווערקער זאָל קריגען געבאָרגט געלד פיר קליינע פראָצענט א. ז. וו., אויך האט זיך אין דעם בוך גערעדט וועגען דעם ווי עס איז נייטהיג צו גרינדען חברות אום צו העלפען איינער דעם צווייטען אין אַ אונ-גליקס-פאַלל, איבער די נייטהיגקייט פון בילדונג פאַר דאָס פאָלק און אויך פיר פרויען א. ד. ג.. מען מוז בעמערקען, אַז פראַנקלין איז דאַן אַלט געוועזען ניט מעהר, ווי 12 יאָהר און ער האָט שוין גע-האַט דעם גייסט צו לעזען ביכער פון אַזאַ אינהאַלט.

דיזע שטאַרקע לוסט צום לעזען האָט פראַנקלינס פאָטער איבערציינגט, דאָס זיין זוהנס וואַהרע בעשטימונג איז די מלאָכה פון אַ דרוקער *). צו דיזער צייט האָט איינער פון פראַנקלינס ברידער,

---

*) וועגען ווערען אַ ליטעראַטאָר און פון דעם צו לעבען האָט

וועלכער האט זיך געלערענט אין לאנדאן פיר א זעצער געקומען אין באסטאן און דארט געעפענט א דרוק. אט צו איהם איז פראנקלין אנגעקומען אלס לעהרעניונג. לויט דעם קאנטראקט האט פראנקלין געמוזט זיין ביין ברודער אלס לעהרעניונג גאנצע 9 יאהר ד. ה. ביז ער וועט אלט ווערען 21 יאהר. די גאנצע צייט האט פראנקלין גע-מוסט ארבייטען פאר'ן עסען און דירה. אבוואל פראנקלין איז נאך געווען זעהר יונג — ער איז אנגעקומען אין דרוק א צוועלפיאהריגער יונגעל — דאך איז ער זעהר שנעל דערגאנגען די ארבייט. דאן אין יענער צייט איז נאך די קונסט פון דרוקעריי געשטאנען אויף א נידערי-גע שטופע און פראנקלין האט ניט איין מאל ארוים געהאלפען זיין ברודער אין שוועריגקייטען פערריכטענדיג אליין די פרעסען, איינ-פיהרענדיג פערשיעדענע בעססערונגען אין דער דרוקטעכניקעריי אדער אבגיסענדיג נייע שריפטען, און דאס אלעס האט ער ערלערנט כמעט פון זיך זעלבסט.

אין דרוק האט מען געארבייט ביז 15—16 שטונדען אין טאג, פון דעסטוועגען האט ער די וועניג פרייע שטונדען פערבראכט אין לעזען. ער האט געמאכט בעקאנטשאפט מיט די סוביעקטען פון די בוכהאנדלונגען און יענע פלעגען איהם געבען ביכער צום לעזען מיט דער בעדינגונג, אז ער זאל צוריק געבען ריין און ניט צוקנייטשט. די ביכער פלעגט פראנקלין בעקומען זעהר אויף א קורצע צייט, אפט נאר אויף איין טאג, דאן פלעגט ער מוזען זיצען אגאנצע נאכט אום איבער צולעזען דאס בוך. אין קורצען אבער נאך זיין אנקומען אין דרוק האט פראנקלין געקריגען די מעגליכקייט צו בעקוממען ביכער שוין ניט אויף גנבה'שער ארט. איינער פון דעם ברודערס קונדען, אררייכער קויפמאן, וועלכער האט געהאט אהיבשע פיר יענער צייט, ביבליאטהעק, פלעגט אפט אריין קומען אין דרוק. דעם יונגען פראנקלינס ערנסטעס געזיכט האט איהם פעראינטערעסירט און אמאל, פערנאנדעררעדענדיג זיך מיט איהם, איז ער אויסער

ער ניט געקענט קלערען, דען דאן איז קיין פראפעסיאנאלע ליטעראטען ניט געוועזען, יעדער האט געשריבען אהן א שום בעלאהנונג.

זיך געוואָרען פֿון פֿראַנקלינס בעלעזענהייט און אורטיילען איבער אַזעלכע פֿראַגען, וועלכע האָבען געשיינט צו זיין הויך פֿיר דעם פֿערשטאַנד פֿון א אינגעל אין זיינע יאָהרען. דער קויפֿמאַן האָט איינגעלאַדט פֿראַנקלינען צו זיך און איהם ערלויבט צו נעמען ביכער פֿון זיין ביבליאָטהעק. דאָס האָט פֿיעל מיטגעווירקט אויף פֿראַנקלינס גייסטיגער ענטוויקעלונג, ווייל ער האָט יעצט בעקוממען די מעגליכקייט איבער צו לעזען מיט א געוויסען סדר אַ גאַנצע רייהע קלאַססישע ביכער פֿון אלע אָרטען ליטעראַטור.

צו דרייצעהען יאָהר האָט פֿראַנקלין אָנגעפֿאַנגען פּרובען זיינע קרעפֿטען אין ליטעראַטור. אָנגעהויבען האָט ער, ווי פֿיעלע יונגע מענשען, פֿון פּאָעזיע. זיין פֿאָטער האָט איהם אָבער באַלד גע-געבען צו ערקלערען, אז ער האָט קיין שום טאַלענט אין דער דיכטקונסט און פֿראַנקלין האָט געוואָרפֿען די פּאָעזיע און זיך גענומען שרייבען פּראָזע. איבערהויפּט האָט איהם דאָצו ערוועקט די דיספּוטען איבער פֿערשידענע פֿראַגען, וועלכע ער האָט געפֿיהרט מיט זיינעם אַ קאַ-מעראַד. דער קאַמעראַד איז אָבער געוועזען עלטער און געהאַט אַ בעסערען צונג פֿיר איהם, דעריבער האָט פֿראַנקלין בעשלאָססען צו פֿיהרען מיט איהם שריפֿטליכע דיספּוטען.

און אַבוואָהל ער איז געוועזען פֿערנומען מיט די שריפֿטליכע אַרבייט, דאָך פֿלעגט ער נאָך אַלץ לעזען ביכער אַזוי ווי פֿריהער. דאָס דורכגעלעזענע פֿלעגט מאַכען אַזאַ טיעפֿען איינדרוק אויף איהם, אז ער פֿלעגט יעדע גוטע זאַך אוים דעם בוך איבערנעהמען און נאָכטהון עס אין לעבען. אויף זיין זעכצעהנטען יאָהר האָט ער דורכגעלעזען א בוך איבער וועגעטאַריאַניזמוס *) און האָט באַלד בע-

*) וועגעטאַריאַניזם הייסט געוויקסע און די, וועלכע רעכענען, אז דער מענש טאָר ניט עסען קיין פֿלייש נאָר געוויקסע, הייסען דעריבער וועגעטאַריאַנער. עס איז דאָ וועגעטאַריאַנער, וועלכע עסען בלויז געוויקסע און אַזעלכע, וועלכע עסען אויך אייער און מילכיגס.

שלאָסען צו ווערען זעלבסט א וועגעטאַריאַנער. די אַרבייטער ביי זיין ברודער אין דרוק פלעגען זיך בעשפייזען אויף דעם ברודערס רעכנונג אין א פריוואַט הויז, און פראַנקלין האָט פאָרגעשלאָגען זיין ברודער, אַז אַנשטאָט דעם, וואס זיין עסען טרעפט אָן זאָל ער איהם באַרע געלד געבען. דער ברודער האָט איינגעשטימט און פראַנקלין האט אָנגעהויבען צו קאָכען זעלבסט פיר זיך מיטטאָג, וואס איז בעשטאַנען פון רייז, אַרבעס און נאָך אַזעלכע געריכטען פון גע-וויקס, וואס ענטהאַלטען אין זיך די זעלבע נאָהרהאַפט וואס פלייש. אָבוואָהל די סוממע, וואס פראַנקלין האָט בעקוממען פון ברודער אויף זיין הוצאָה איז געווען זעהר ווענִיג, פונדעסטוועגען פלעגט ער נאָך אימער אָבשפּאָרען געלד, אום צו קויפען דער פאַר ביכער.

פראַנקלין האט זעהר יונג אָנגעהויבען צו פיהלען, ווי שלעכט עס איז, ווען מען בעזיצט ניט קיין סיסטעמאַטישע בילדונג. נאָך זייענדיג ביי זיין ברודער אין דרוק האָט ער אָנגעווענדעט אַללע קרעפטען זיך-צו פערפאָלשטענדיגען אין זיין בילדונג. ער האָט גרינדליך שטודירט די ענגלישע גראַממאַטיק, האָט זיך בעקאַנט גע-מאַכט מיט דער רעדעקונסט און לאָגיק. (לאָגיק הייסט קענען בע-טראַכטען יעדע זאַך מיט אַ גלייכען שכל און אַרויסצוגעפינען דעם ריכטיגען בעשלוס פון דער זאַך), ער האט זיך אויך געלערנט חשבון און געאָגראַפיע, נאר איבערהויפט האט פערגרעסערט זיין בילדונג דאס לעזען ביכער, וועלכע פערנעמען זיך מיט הומאַניטאָרע (מענשענפריינדליכע) וויססענשאַפטען.

אויף אזא אויפן זעהען מיר, אַז פראַנקלין האָט שוין אַלס 14-15 יאהריגער יונגעל אויסגעאַרבייט אין זיך אַזעלכע הויכע זיטטען, וועלכע האָבען שפּעטער, ווען ער איז שוין געווען אַנ׳ערוואַקסענער מאַן, צו געצויגען צו איהם, ווי מיט א צויבער, יעדער מאַן, וואס האט נור געהאט מיט איהם א משא ומתן און האָבען איהם דעריבער געהאָלפען אין זיין גרויסע אַרבייט צום נוצען פון זיין פאַטערלאַנד — צו בעפרייען אַמעריקאַ.

אין דעם יאהר 1721, אַלס פראַנקלין איז אַלט געווען 15 יאהר, האָט זיין ברודער אָנגעהייבען אַרויסצוגעבען אַ זשורנאַל, דאָס

איז כמעט געווען די ערשטע צייטונג אין אמעריקא, און פראנקלין האט אויך גענומען אנ׳אנטהייל אין די ארבייט, אבער ניט מעהר דער מיט, וואס ער האט פערנאנדער געטראגען דעם זשורנאל צו די אבאנענטען. די ליטערארישע מיטארבייטער, געוועהנליך אומזיסטע, זיינען געווען איינינע פערזאנען פון דער דארטיגער אינטעליגענץ. זיי פלעגען זיך אפט צוזאמענקלייבען אין דרוק און דארט זיך אונטערהאלטען וועגען דעם, וואס האט א שייכות צום זשורנאל. צוהערענדיג זייערע געשפרעכען, איז פראנקלין געקוממען צו דער איבערציינונג, אז ער בעזיצט ניט ווענינער קענטניסע פאר זיי און פערשטעהט ניט ערגער פון זיי געזעללשאפטליכע פראגען. דאן איז איהם אריין א געדנאק אליין צו שרייבען פיר דעם זשורנאל. ער האט אבער מורא געהאט, אז מען וועט אויף זיינע ארטיקלען קוקען, ווי אויף א קינדערשפיעל און מען וועט זיי אפילו ניט וועלען איבערקוקען אין רעדאקציאן. ער האט אנגעשריבען א ארטיקעל איבער א צייטס-פראגע, איבערגעשריבען מיט א געענדערטע האנדשריפט און אונטערגעווארפען אונטערן טהיר פון דער דרוקעריי.

ווען מען האט דעם ארטיקעל אויפגעהויבען און איבערגעלעזען איז ער אללע מיטארבייטער געפאלען געווארען און מען האט איהם געדרוקט אין דעם זעלבען זשורנאל. אללע מיטארבייטער זיינען געווען שטארק פעראינטערעסירט צו וויסען, ווער איז דער געהיימער שרייבער פון אזעלכע וויכטיגע און אינהאלטספאללע ארטיקלען, און ווי גרוים איז געווען זייער איבערראשונג, אלס עס האט זיך צופאלליגער ווייזע ארויסגעוויזען ווער עס איז געווען דער פערפאסער פון די ארטיקלען. פראנקלין, וואס איז ניט לאנג געווען איין איינפאכער זעצער און זשורנאל-טרעגער, האט אויף אמאל ערווארבען די אכטונג פון דער באסטאנער אינטעלליגענץ און אויף דעם יונגען שרייבער האט מען אנגעהויבען צו קוקען, ווי אויף א געני.

דאך איין מענש איז געווען, וועלכען די גאנצע געשיכטע האט ניט איבריג געשמעקט. דאס איז געווען פראנקלינ׳ס ברודער און פרינציפאל. שוין פריהער זיינען געווען זייערע פערהעלטניסע ניט ברידערליך. דער דרוקער האט פערגעסען, אז פראנקלין איז זיינער-

א ברודער און האט אין איהם געזעהן בלויז אַלעהרן-יונג פון וועלכען ער האט זיך געסטאַרעט, וואס מעהר נוטצען פיר זיך הערויסצונעמען. פראַנקלינס פריהע ענטוויקלונג איז געווען ניט צום האַרצען זיין ברודער, וועלכער האט איהם מקנא געווען פיר זיין טאַלענט, און איהם צו ערנידעריגען פלעגט ער איהם געבען די גראָבסטע אַרבייט, צו וועלכע מען דאַרף דעם מח ניט צולעגען.

דער שטאָלצער פראַנקלין פלעגט זיך דערפון בעליידיגען און צווישען די ברידער פלעגט דאַריבער אָפט פאָרקוממען שטאַרקע קריג, און פלעגען זיך געוועהנליך ענדיגען דערמיט, אז דער עלטערער ברודער, וואס האט זיך בענוצט מיט די רעכטע פון א פרינציפאַל אין יענער צייט, פלעגט גאַנץ איינפאַך דערלאַנגען איהם א קלאַפּ. פון דער צייט, וואס פראַנקלין איז פלוצלינג ארוים געטרעטען מיט זיינע אַרטיקלען אין דעם זשורנאַל, איז זיין לאַגע געוואָרען גאָר אונער-טרעגליך און ער האט דאַדורך ביי זיך בעשלאָסען ביי דער ערשטער געלעגענהייט צו ברעכען דעם קאָנטראַקט, וועלכער האט איהם פער-שקלאַפט צו זיין ברודער.

צו דיזער צייט איז אין דעם זשורנאַל אָבגעדרוקט געוואָרען א פאָליטישער אַרטיקעל, פיר וועלכען פראַנקלינס ברודער, אַלס פעראַנטוואָרטליכער הערויסגעבער, איז געוואָרען פעראורטהילט אויף א מאָנאַט פערהאַפטונג און דעם זשורנאַל פערבאָטען. דאַן איז געוואָרען בעשלאָסען אַרויס צו געבען דעם זשורנאַל אויף פראַנקלינס נאָמען. און אַזוי ווי אַלס „לעהרנ-יונג" האט פראַנקלין ניט געקענט אַרויס-טרעטען אין דער ראָללע פון א פאָללמעכטיגען פערזאָן. דאַריבער איז דער ברודער געצוואונגען געווען צו פערניכטען זיין לעהרניונגס-קאָנט-ראַקט. אָבער אום ניט צו פערליערען אַנ'אומזיסטען משרת האָט ער זיך איינגעעקשנט און אויסגעפיהרט, אז דער פערניכטעטער קאָנט-ראַקט זאָל ווערען אין געהיים נעשריבען אויף דאס ניי.

אייניגע מאָנאַט איז דער זשורנאַל אַרויס געגאַנגען אויף פראַנקלינס נאָמען. באַלד אָבער איז ווידער געוואָרען א קריעג צווישען די ברידער און פראַנקלין האט געמעלדעט דעם ברודער, אז ער געהט פון איהם אוועק. דער ברודער האָט איהם געשראָקען

מיט דעם געהיימען קאָנטראַקט; נאָר פֿראַנקלינען האָט דאָס ניט געשראָקען, ווייל ער האָט גוט געוואוסט, אַז דער געהיימער קאָנטראַקט האָט קיין געזעצליכע קראַפֿט ניט. דאַן איז פֿראַנקלינס ברודער געגאַנגען איבער אַלע דרוקען און געבעטען, אַז מען זאָל ניט געבען פֿראַנקלינען קיין שטעללע אונ ער האָט עס ווירקליך אויס-געפֿיהרט. פֿראַנקלין איז ביי זיך דערמיט ניט אַראָבגעפֿאַלען און בע-שלאָסען צו פֿאָהרען נאָך ניו-יאָרק, דאַן האָט דער ברודער געבעטען דעם פֿאָטער ער זאָלל פֿראַנקלינען איינרעדען צו בלייבען אין זיין דרוק אויף ווייטער. פֿראַנקלין האָט געפֿיהלט, אַז ער וועט דעם פֿאָטער ניט קענען ענטזאָגען, האָט ער דעריבער בעשלאָססען צו ענטלויפֿען פֿון באָסטאָן נאָך איידער דער פֿאָטער וועט מיט איהם רעדען. ער האָט פֿערקויפֿט זיין איינציגעס פֿערמעגען — די ביכער, זיך געזעצט אויפֿ'ן שיף, וואס איז אָבגעגאַנגען נאָך ניו-יאָרק און אין דריי טעג אַרום איז ער שוין געווען אין ניו-יאָרק.

II.

פראנקלין העבט אן זעלבסטשטענדיג צו לעבען.

אין ניו-יאָרק איז געווען נאָר איין דרוקעריי, זי האָט געהערט צו איינעם אַ געוויססען ברעדפֿאָרד און דאָרט האָט פֿראַנקלין פֿאָרגעשלאָגען זיין אַרבייט. ברעדפֿאָרד זעלבסט האָט קיין אַרבייטער ניט געברויכט, נאָר ער האָט פֿראַנקלינען געזאָגט, אַז זיין זוהן, וואָס האָט אַ דרוק אין פֿילאַדעלפֿיע זוכט אַ מענשען, וואס זאָלל טויגען אי פֿאַר אַנ'אַרבייטער אי פֿאַר אַ פֿערוואַלטער פֿון דער דרוקעריי. פֿילאַדעלפֿיע איז הונדערט און פֿונפֿציג וויאָרסט ווייט פֿון ניו-יאָרק, פֿראַנקלינס טאַש איז כמעט געווען ליידיג, ער איז דאַן אַלט געווען זיבעצעהן יאָהר, די יאָהרען אין וועלכע מען לעבט נור מיט איינע האָפֿנונגען. ער האָט אַלזאָ ווייניג געקלערט, געזעצט זיך אויף אַ פֿראַכט שיף, וואס איז געגאַנגען נאָך פֿילאַדעלפֿיע און איז

געפאהרען אין א פרעמדע שטאדט, אהן געלד, אהן רעקאמענדאציע, בלויז מיט דער אויסזיכט, אז א דרוקער זוכט דארט אנ'ארבייטער. קומענדיג אין פילאדעלפיע האט ער אוועק געגעבען דאס לעצטע געלד פאר א נאכט-לעגער ערגעץ אין אנ'ארים איינפאהר-הויז. אויף מארגען איז ער אוועק צום דרוקער ברעדפארד. דיזער האט שוין אבער גע-האט דעם ארבייטער, וואס ער האט געברויכט, מען קאן זיך פארשטעללען, ווי פראנקלינען איז יעצט געווען אויפ'ן הארצען, בלייבענדיג אהן א גראשען געלד. ער איז אוועק צו דעם אנדערן פילאדעלפער דרוקער קיימער, נאר ביי יענעם האט ער אויך קיין ארבייט ניט געקריגען. די לאגע פון דעם יונגען פראנקלינען אין א פרעמדער שטאדט, אהן מיטלען, איז געווען זעהר שרעקליך. צום גליק האט ברעדפארט איהם ערלויבט ביי זיך צו נעכטיגען און אין גיכען האט פראנקלין אויך געקריגען ארבייט אין קיימערס דרוק.

פיר פראנקלינען האט זיך ווידער אנגעהייבען אזא לעבען, ווי אין באסטאן. דער נייער פרינציפאל האט איהם בעהאנדעלט ניט וועניגער גראב, ווי זיין ברודער. ער איז אויך געווען אזוי אונוויסענד, ווי דער ברודער און האט איהם אויך אזוי מקנא געווען דערפאר, וואס ער האט פערשטאנען, ווי אזוי צו מאכען פיעלע פערבעסערונגען אין דער דרוקעריי. דאך איז זיין לאגע געווען פיעל בעסער, ווי ביים ברודער, דען ער האט ביי קיימערן בעקומען געהאלט און האט שוין געקענט ערווערבען אביסעל ביכער און שטילען זיין דורשט צום לעזען. אין א קורצע צייט האט ער געמאכט בעקאנטשאפט מיט איינינע פילאדעלפיער אינטעלעגענטע יונגע לייט, און יעדען אבענד פלעגען זיי זיך אויפקלייבען צו לעזען צוזאממען און נאכהער ארום רעדען דאס, וואס זיי האבען געלעזען. אויף דיזע אבענדען האט פראנקלין ארויסגעוויזען אזוי פיעל פערשטאנד, אזעלכע פעלזייטיגע קעננטעניסע, דאס זיינע חברים זיינען געווען פון איהם ענטציקט און האבען בעקאנט געמאכט א ן שטאדט איבער דעם אונגעווערהנליכען 17 יאהריגען געלעהרטען. פיעלע פילאדעלפער מענשען האבען זיך מיט פראנקלינען פעראינטערעסירט, צווישען זיי איז אויך געווען

דער גובערנאַטאָר פֿון דער פּראווינץ פּענסילוואַניען, וואס פֿילאַדעלפֿיע איז געוועזען איהר הויפּטשטאָדט. דיזער גובערנאַטאָר, מיט'ן נאָמען קייט, האט אָבגעשפּילט מיט פֿראַנקלינען זעהר א נידעריגען וויטץ, וועלכער האָט געקענט פֿראַנקלינען קאָסטען טייער.

אין יענער צייט האָבען די ענגלענדער געקוקט אויף די אַמעריקאַנער קאָלאָניען, פֿון וועלכע עס האָבען זיך שפּעטער געבילדעט די פֿעראייניגטע שטאַאַטען, ווי אויף אַנ'אָרט, וואו זיי קענגען אָבזעצען אַלע אויסוואורפֿען פֿון זייער געזעללשאַפֿט. זיי פֿלעגען אַהין פֿערשיקען פֿערברעכער און פֿערפֿלייצען מיט זיי אַלע שטעדט און דערפֿער. אַללע שטעללען, אויף וועלכע די קרוין האט געהאַט א דעה, האט מען פֿערזעצט מיט פֿערדאָרבענע און אויסגעלאַסענע פּערזאָנען פֿון אַריסטאָקראַטישע פֿאַמיליען. פּענסילוואַניען איז אין דעם הינזיכט געוועזען נאָך אין א ערגערע לאַגע אַלס די איבעריגע קאָלאָניען פֿון ניי-ענגלאַנד. (אזוי האָבען געהייסען די ענגלישע קלאָלאָניען אין אַמעריקאַ), ווייל זי האָט געהערט ניט צו די קרוין, נאָר צו פּריוואַט פּערזאָנען. פּענסילוואַניען איז געגרינדעט געוואָרען דורך דעם בעריהמטען קוואַקער פּען *) דיזען פּענס קינדער, אָבוואָהל זיי זיינען שוין ניט בעזעסען דעם פֿאָטערס גוטע זיטטען, דאָך האָבען זיי ליידער געהאַט אנ'אַונגעהייערן ווירקונג אויף דאָס לעבען פֿון דער קאָלאָניע, ווייל צו זייי האָט געהערט דאס גרעסטע טייל פֿון איהר ערד און דאס רעכט צו בעשטימען מאָננער אויף די וויכטיגסטע שטעלען, ווי אויך דעם גובערנאַטאָר

---

*) די קוואַקערס איז א געוויססע רעליגיעזע סעקטע, וועלכע האַלט, אַז אין יעדען מענשען געפֿינט זיך די ריכטיגע גאָטטליכע שטיממע, וועלכע וויזט איהם דעם אונטערשיעד צווישען גוטע און שלעכטע מעשים, זיי האַלטען דאַדורך ניט פֿון גייסטליכע אַלס פֿערמיטעלער צווישען גאָטט און מענשען און פֿון קיין שום רעליגעזע צערעמאָניע. דעם נאָמען קוואַקער האָבען זיי בקומען פֿון זייערע געגנער דאַפֿיר, וואָס זיי שאָקלען זיך בעת זיי האַלטען א רעדע. זיי צייכענען זיך איבערהויפּט אויס מיט זייער ריינע זיטטליכקייט.

אליין. גובערנאטארען פלעגען זיי מאכען אזעלכע פערזאנען, וועלכע האבען איינגעשטימט דורכצופיהרען זייער פאליטיק, וואס איז בעשטאנען אין דעם: זיך צו בענוטצען מיט זייערע פריווילעגיען און נים טראגען דעם לאסט פון אבגאבען און שטייער. דיזע גובערנאטארען זיינען געוועזען, גרעסטענטהיילס, מאוסע מענשען און אזא מענש איז אויך געוועזען דער גובערנאטאר קייט. אין לאנדאן האט ער גע-פיהרט א אויסגעלאסענעם לעבען, נאר אלס גובערנאטאר האט ער זיך געמיהט צו ווייזען זיך פיר א פריינד און שיצער פון גע-בילדעטע מאנגער. אנהערענדיג זיך פיעל איבער פראנקלינען איז ער אוועק אין קיימערס דרוק און געלאדען פראנקלינען ער זאלל צו איהם אפט אריינקומען. קייט האט מיט איהם צווישען אנדערע זאכען אויך פיעל גערעדט וועגען דער טרויעריגער לאגע, אין וועלכע עס האט זיך דאמאלס געפינען די דרוקעריי אין אמעריקא, און אז ער האלט פיר זיין פפליכט אויפצוהויבען דיזעם ניצליכע ווערקצייג. צוליעב דעם צוועק האט איהם קייט פארגעשלאגען צו פאהרען נאך לאנדאן, דארטען צו פערשאפען אללע בעסטע געצייג פון דער דרוק-קונסט און אפענען אין פילאדעלפיע א מוסטערהאפטען דרוק די קאסטען האט ער גענומען אויף זיך. פראנקלין האט מיט צוטרויען אנגענומען דעם פארשלאג, האט באלד פערלאזען זיין שטעללע ביי קיימערן און זיך צוגעגרייט אבצורייזען נאך לאנדאן.

נאר אנשטאט געלד האט קייט געגעבען פראנקלינען בריעף, אויף וועלכע ער האט כלומרשט בעדארפט בעקומען אין לאנדאן דאס נייטיגע געלד. פון די ערשטע טריט אין לאנדאן האט פראנקלין פערשטאנען, אז ער איז אבגענארט געווארען אויף די שענדליכסטע וויזע. די ערשטע פערזאן, צו וועלכער פראנקלין איז געקוממען מיט קייטס בריעף, האט זאגאר נים געוואלט צונעמען דעם בריעף און האט אנגערופען קייטען: „בעטריגער" און „אויסוואורף"; אזוי איז ער גע-בליבען אין לאנדאן אהן מיטלען און אהן בעקאנטשאפט.

אלאנגע צייט זוכענדיג האט ער ענדליך געקריגען א שטעללע אין איינער פון די ערשטע דרוקערייען אין לאנדאן. דא האט פראנקלין געהאט די געלעגענהייט ספעציעל בעקאנט צו ווערען מיט אלע נייע

ערפינדונגען פון דער דרוקעריי קונסט, און דאס האט ער זעהר פלייסיג געטהאן.

אין לאנדאן האט פראנקלין ווייטער ערנערגיש געארבייט אין בילדונג. פיר זעהר א גוטעס שטאף צו לעזען האבען געדינט די פיעל ערנסטע ביכער, וועלכע האבען זיך געדרוקט אין דער דרוקעריי, וואו פראנקלין האט געארבייט.

און אז פראנקלינען איז אויס געקומען צו זעטצען א בוך „איבער רעליגיאן און נאטור", איז איהם איינגעפאלען ארויסצוגעבען זיינע אייגענע געדאנקען איבער אייניגע פראגען, וועלכע זיינען געווען בעריהרט אין דעם בוך. ער האט זיך ,דאצו פלייסיג גענומען און אין קורצען האט ערשיינט א ביכ'ל מיט דעם נאמען: „א געשפ־עך איבער פרייהייט און די נויטוועדיגקייט פון פערגעניגען און ליידען". דער געדאנק ארויס צו געבען נוטצליכע ביכליך פארן פאלק איז ביי פראנקלינען געווען אזוי הייליג און בעליעבט, אז ער האט קיין געלד פיר זיין ביכל ניט גענומען, נאר בלויז צוטהיילט אומזיכט, דאס ביכ'ל איז געווארען בעקאנט אין אייניגע לאנדאנער געלעהרטע קרייזען און דאס האט גע:עבען פראנקלינען די מעגליכקייט צופער־בינדען בעקאנטשאפט מיט פערשיעדענע ליטערארישע פעראיינען אין לאנדאן.

צווישען אנדערע בעקאנטע, וועלכע פראנקלין האט ערווארבען אין לאנדאן, איז געוועזען א מאן מיט'ן נאמען ד ע נ ה א ם, איין העכסט געבילדעטער סוחר.

דענהאם האט געהאט בעשלאסען אריבער צו ציהען זיך נאך אמעריקא און איינריכטען דארט א גרויס האנדעל מיט ענגלישע סחורה. אין דיזען געשעפט האט ער פארגעשלאגען פראנקלינען, אלס אמעריקאנער בירגער, צו נעהמען אויף זיך די פערוואלטונג, פראנקלין האט אנגענומען דעם פארשלאג, און אזוי זעהן מיר איהם נאך אכטצעהנמאנאטליכען אויפהאלטען זיך אין לאנדאן, ווידער אויף דער רייזע צוריק נאך אמעריקא.

אויף דער רייזע האט פראנקלין געפיהרט א טאג בוך, וואו ער האט פערשריבען אלעס, וואס איז פארגעקומען צו הערע און

צו זעהען. אויך דאס, וואס ער האט בעטראכט אין דיזער צייט. אין דיזען טאגע בוך געפינען מיר כללים, ווי אזוי זיך צו פיהרען, וועלכע ער האט זיך געמיהט טריי צו פאלגען ביז דעם לעצטען טאג פון זיין לעבען.

ד ע נ ה א ם'ס האנדעל האט זיך געענדיגט אין פילאדעלפיע, וואו פראנקלין האט, ווי מיר האבען געזעהען, שוין איינמאל געלעבט דארט און געהאט א קרייז פון פריינד. פראנקלין האט געפיהרט דאס געשעפט זעהר גוט, צום אונגליק אבער איז ד ע נ ה א ם קראנק געווארען אויף א לונגענענצינדונג, פון וועלכען ער איז געשטארבען און אזוי איז דאס געשעפט געווארען אויס, פראנקלין איז ווידער געבליבען אהן א גראשין געלד און געמוזט ווייטער זוכען ארבייט.

צום גליק האט פראנקלינס פריהערדיגער פרינציפאל, קיימער, געדארפט האבען א פערוואלטער אין זיין דרוק. פראנקלינס ארבייטען אין איינע פון די בעסטע לאנדאנער דרוקען, האט געמאכט א גרויסען נאמען ביי די אמעריקאנער דרוקער. קיימער האט זיך באלד געווענדעט צו פראנקלינען און איהם פארגעלייגט די פערוואלטונג פון זיין דרוק. פראנקלין האט אנפאנגס געצווייפעלט, צי ער זאל אננעהמען דעם פארשלאג, ווייל ער האט געדענקט, ווי קיימער האט איהם פריהער שלעכט בעהאנדעלט, דאך האט ער איינגעשטימט און אויסגערעדט, אז ער זאל האבען די פאלקאמענע פרייהייט אליין צו פיהרען, ווי ער פערשטעהט. אין קורצען האט זיך ארויסגעוויזען, אז פראנקלינס שרעקען זיך פאר קיימערן איז געוועזען ניט אומזיסט. פראנקלין האט געהארעוועט פאר פיערען, ער איז ניט בלויז געוועזען פערוואלטער, נאר אויך געלערנט די זעצער און דרוקער זייער ארבייט, אויסגעבעסערט די דרוק-פרעסען, געמאכט אליין דרוקפארב, אבגעגאסען די בלייענע בוכשטאבען, אליין גראווירט א. ז. וו.. ווען פראנקלין האט שוין אוועקגעשטעלט דעם דרוק אויף אזא הויכע שטופע, אויף וועלכער עס איז נאך דאמאלס קיין איינציגע דרוקעריי ניט געשטאנען אין אמעריקא, האט זיך קיימער מישב געוועזען, פונקט ווי אלע פרינציפעלע, אז ער קען שוין אויסקומען אהן פראנקלינען, און איינמאל האט ער איהם זאגאר פארגעווארפען.

אז ער ארבייט גאר נישט. פראנקלין האט ניט געענטפערט קיין ווארט, גענומען זיין הוט און איז באלד ארויס פון דרוק, אום אהין מעהר ניט צוריק צוקומען.

פראנקלין האט באלד געקריגען א שותף מיט געלד און גע-עפענט א אייגענע דרוקעריי, אין א קורצע צייט האט ער דעם שותף אויסגעצאהלט זיין טהייל און געבליבען אליין דער אייגענטהימער פון א בעדייטענדע אונטערנעהמונג.

III.

דער אנפאנג פון פראנקלינס געזעלשאפטליכע ווירקונג.

ווי מיר האבען שוין פריהער בעשריבען, איז די בעפאלקערונג פון די ענגלישע קאלאניען אין נארד אמעריקא, בעשטאנען אויס פערשידענע רעליגיאזע סעקטען, וועלכע האבען געליטען רדיפות אין גרויס-בריטאניען (ענגלאנד). דורך דיזע רדיפות האט זיך ביי זיי אויסגעארבייט א פערשלאסען-לעבען, קליינליכע בעגריפען וועגען וועלט אונ מענשען, א פיינדשאפט צו פרעמדע רעליגיאנס-מיינונגען.

די פארשטעהער פון פערשיערענע סעקטען האבען שטענדיג געפיהרט איינע מיט די אנדערע א ווילדען קאמפף, איינער דעם אנדערען האבען געהאסט און פעראכטעט. עס פערשטעהט זיך פון זעלבסט, אז אין דיזער אויסערליכע פרומקייט איז געווען פיעל צביעות. דיזע צביעות האט געבראכט די סעקטאנטען צוקוקען אויף די, וואס זיינען ניט אזוי פרום, ווי אויף גרויסע אפיקורסים, וועלכע מען דארף האססען, אדער, אז גוט, בעדויערען זיי אלס אונגליקליכע, וואס זיינען פערפאללען דעם טייפעל. אין דער לאגע פון אזא אפיקורס האט זיך געפונען פראנקלין. פון קינדהייט אן איז ביי איהם איינגע-פלאנצט געווען א טיעפער האס צו רעליגיעזע שטרייטיגקייטען. צו-זעהענדיג יאהרענלאנג, ווי יעדער אמעריקאנער גלויבענס-געמיינדע

האט אללע אנדערע געמיינדען, איז ער אליין צום ענדע געווארען א דעאיסט, דאס הייסט: ער האט געגלויבט אין א העכסטעס וועזען, וואס האט בעשאפען און רעגיערט די וועלט און וואס איז די קוועללע פון חכמה און גוטסקייט. אללע איבעריגע רעליגיעזע אונטערשיידען וואס טהיילען די רעליגיאנען אויף פיעלע גלויבענסארטען האט פראנקלין ניט געקענט פערשטעהן, ער האט אויך גאר ווייניג געהאלטען פון אללע רעליגיעזע צערעמאניען און האט געזאגט, אז א נ׳אמתר מאמין וועט אויסדריקען זיין גלויבען ניט דורך צערעמאניען, נאר דורך זיין האנדלונג מיט מענשען. זייענדיג אזוי געזאנען, האט פראנקלין ניט געהערט צו קיין קירכע, נאר ער האט גערן בעזוכט און צוגעהערט די פרעדיגער פון פערשידענע קירכען. פראנקלין האט אלזא גענומען איין אנטהייל אין איינריכטען שולען, הייזער פיר יתומים, פיר אלטע און שוואכע לייט, און גרינדען קראנקען-הייזער און נאך אזעלכע וואהלטהעטיגע אנשטאלטען, וואס די ארטיגע רעליגיעזע געמיינדען האבען געגרינדעט.

אזעלכע אידעען און אזא אויפפיהרונג פון פראנקלינען האט שטארק געארגערט די פערשיידענע סעקטען פון דער דאמאליגער געזעלשאפט אין ניי-ענגלאנד.

דאך, וואהנענדיג אין אזא געזעללשאפט, וואס קען ניט דולדען קיין פרייזיניגקייט, האט פראנקלין פערשטאנען צו לעבען צווישען זיינע מיט-מענשען: ביסליך ווייז האט ער ערווארבען אנ׳אונגעהייערען איינפלוס אויף דאס געזעללשאפטליכע לעבען און האט פיעל בייגעטראגען דערצו, אז די אמעריקאנער געזעללשאפט איז געווארען א סך טאלעראנטער און זייערע גלויבענסאנזיכטען זיינען געווארען פיעל בריימער. דאס האט פראנקלין געקענט ערווייזען נאר מיט זיין עדלע, רוהיגע, טאלעראנטע נאטור, מיט זיין ליעבע צום כלל, ווי אויך מיט זיינע געזעללשאפטליכע מיינונגען און שטרעבונגען.

דער עיקר פון פראנקלינס געזעללשאפטליכע מיינונגען איז בעשטאנען אין דעם: וואס ווייניגער פיהרען די געזעללשאפט פאר׳ן שטריקעל און וואס מעהר לאזען זי אלליין ארבייטען. און אום צו פערווירקליכען אין דאס לעבען האט ער פיעל געארבייט און אלס פריוואט-פערזאן פערטרעטער פון

פערשיידענע געזעללשאפטליכע עהרענשטעללען, מיט וועלכע זיינע מיטבירגער האבען איהם אין פערשיעדענע צייטען בעעהרט.

אויף אלע שטעלען: אלס מיטגליעד אין דער פראווינציאל-פערזאמלונג פון פענסילוואניען, אלס פארשטעהער פון די קאלאניעס אין ענגלאנד, אלס געזאנדטער פון אלע נארד-אמעריקאנער אין פראנקרייך און ענדליך, אלס מיטגליעד פון דעם ערשטען קאנגרעס דער פעראייניגטער שטאאטען, וועלכער האט בעשאפען די קאנסטיטוציע פון דיזען לאנד, — האט פראנקלין געקעמפפט פיר די אינאבהאנגיקייט: פריהער פון דער קאלאניען פון דער מעטראפאליע, *) נאכהער פיר די אונאבהאנגיקייט פון יעדען פון די גראפטהימער **) אויף וועלכע יעדער שטאאט האט זיך געטיילט; ווי אויך פיר די זעלבסטשטענדיגקייט דער איינ-צילנער געמיינדען אין די גראפטהימער גופא, און האט געפאדערט די פאלקאממענסטע פרייהייט צום זעלבסטווירקען, ווי פאר אללע ארט פעראיינען, אזוי אויך פיר איינצעלנע פערזאנען, יעדער: סיי אנ'איינצעלנע פערזאן, סיי אגרופע מענשען, וועלכע זיינען פער-בינדען דורך פערשידענע אינטערעסען, האט נאך זיינע אנזיכטען, דאס רעכט און איז זאגאר פערפליכטעט 'צו זארגען וועגען דיזע אינטערעסען אליין, ניט ווארטענדיג ביז וואנען דאריבער וועט זארגען אנ'אנדערער. — אט דאס איז געווען די אידעע, וועלכע פראנקלין האט אימער געפרעדיגט אין מקיים געווען אין פראקטישען לעבען, און דיזע לעהרע איז אריין אין דאס פלייש און בלוט פון דעם נארד-אמעריקאנישען פאלק.

פראנקלינס ערשטע וויכטיגע אויפטהון איז געווען די גרינדינג פון דער „יונטע", אזוי האט געהייסען דער פעראיין אדער קלוב, וואס האט געהאט דעם צוועק צו העלפען איינער דעם אנדערן אין בילדען זיך.

פראנקלין האט געשפילט די הויפט ראלע אין דער „יונטע" און

---

*) מעטראפאליע, הייסט די מוטער פון די קאלאניעס. דאס הייסט דאס לאנד צו וועלכען זיי געהערען.

**) גראפטהום הייסט לאנדאייגענטהום, וואס געהערט צו א גראף.

האט געמאכט א גרויסען ווירקונג אויף די יוגענד פון די קינפטיגע פעראייניגטע שטאאטען און האט ערצויגען א דור קאמפפער פיר די בעפרייאונג פון אמעריקא. די קלוב-ארגאניזאציאן האט אויך פיעל געהאלפען פראנקלינען אין זיין פראקטישער געזעלשאפטליכער ארבייט: האט ער געוואלט איינפיהרען עפעס אניצליכע זאך, פלעגט ער פריהער דורכפיהרען אין דער „יונטע" און דורך זי אין אנדערע קלובען און אויף אזא ארט פלעגט ער פערפערטיגען די געזעלשאפטליכע מיינונג צום אננעהמען זיין פארשלאג.

די ווירקונג וואס פראנקלין האט בעקוממען אין פילאדעלפיע און דערנאך אין גאנץ אמעריקא, האט ער צו פערדאנקען דער „יונטא" אין די מיט איהר פערבינדענע קלובען. דיזע ווירקונג איז געווארען שטארקער, ווען ער איז ארויס געטראטען אלס פובליציסט, דאס איז אזא ארט שרייבען, וואס בעשעפטיגט זיך מיט געזעלשאפטליכען פראגען. ווי מיר וויסען האט פראנקלין שוין פריהער פראבירט שרייבען, נאר זיין וואהרע פובליציסטישע טהעטיגקייט האט זיך אנגעהייבען דאן, ווען ער האט זיך ערווארבען אן'אייגענע דרוקעריי. פון דאמאלס אן האט פראנקלינס פובליציסטישע טהעטיגקייט ניט אויפגעהערט ביז זיין לעבענסענדע. די געליעבטע פארם פון זיין שרייבען איז געוועזען בראשורען (קליינע ביכלאך). אין דיזע ביכלאך האט פראנקלין בעריהרט יעדע פראגע, וואס האט אנבעלאנגט דאס טאגליכע לעבען, זיין ארט שרייבען איז געווען אין שארפזיניגער אפט איראנישער שפראכע און די אידעען, וואס ער האט דורך געפיהרט אין זיינע ביכליך, זיינען געווען ערקלערט אזוי דייטליך, אז יעדער האט זיי געקאנט לייכט פערשטעהען. זייער ווירקונג איז אלזא געווען אונגעהייער אין אמעריקא, און ניט זעלטען פלעגען זיי דורכדרינגען אין אייראפע און דארטען אייך געהאט אגרויסען ערפאלג. אייניגע פון דיזע בראשורען האבען פיעל בייגעטראגען צו אמעריקא'ס אבטייסען זיך פון ענגלאנד. אויסער דעם האט פראנקלין געגרינדעט א צייטונג, וועלכע ער האט ארויסגעגעבען יאהרענלאנג.

די צייטונג וואס פראנקלין האט געגרינדעט איז געוועזען די צווייטע אין פילאדעלפיע. אבוואהל די ערשטע צייטונג, וועלכע עס האט

ארויסגעגעבען דער דרוקער ברערפארד האט זעהר טרויעריג עקזעםטירט און דער פערלעגער האט אן איהר צוגעלעגט, נאר פראנקלין האט זיך דערפאר ניט געשראקען, ווייל ער האט געוויסט אז ברערפארדס צייטונג געהט ניט גוט דערפאר, וואס זי איז אן א טעם. פראנקלין האט געמאכט זיין צייטונג פיר א געזעללשאפטליכעם ארגאן. אין איהר פלעגען זיך בעהאנדלען די פראגען פון פאליטישען, שטאאטליכען, און ארטליכען לעבען און נאך יענער צייט האט זיין צייטונג געהאט איין אונגעהייערן ערפאלג.

דער ערפאלג פון דער צייטונג האט צוגעצויגען פיעל בעגאבטע מאנער צו נעהמען אין איהר אנ'אנטייל. אין אקורצער צייט האבען נאכגעטאן פראנקלינען אללע גרויסע שטאדט פו'ם ענגלישען אמעריקא און האבען איינגעפיהרט ביי זיך פאליטישע צייטונגסבלאטער. אט אזוי איז געלייגט געווארען אפונדאמענט פיר דער אמעריקאנער זשורנאליסטיק, וואס איהר אונגעהייערע ענטוויקלונג אין אונזער צייט רופט ארוים די אללגעמיינע בעוואונדערונג.

צוזאמען מיט דער צייטונג האט פראנקלין ארויסגעגעבען כמעט דריי און דרייסיג יאהר נאכאנאנד איאהר בוך אונטער דעם נאמען: „דעם גוטען ריכארדס אלמאנאך”, אנ'ארט „קאלענדאר” וואס איז געוועזען פול מיט פראקטישע בעריכטען און עצות פון א ווירטשאפטליכען און געזעלשאפטליכען חאראקטער. דער „אלמאנאך” איז געווען בעשטיממט פיר דארפסלייט און איבערהויפט ביי דעם המון, וואס האט ניט געלעזען קיין צייטונגען, האט דער „אלמאנאך” געהאט זעהר אגרויסען ערפאלג. דיזעס יאהרבוך האט געמאכט דעם נאממען פון פערפאססער זעהר פאפולאר (אלגעמיין בעקאנט) אין די ניעדערע קלאססען פון דער אמערקאנער געזעללשאפט און דערצו האט עס דורכגעפיהרט אין דיזע קלאססען פראנקלינס ליבלינגס-אידעען, וועלכע ער האט געוואלט בעקאנט מאכען דעם פאלק.

פראנקלין איז געווען אויך דער ערשטער גרינדער פון אפענטליכער ביבליאטעק, וואס שפילט אין היינטיגער צייט א בעדייטענדע ראלע אין דעם לעבען פון אלע ציוויליזירטע לאנדער. ביז

פֿראַנקלינען זיינען אַזעלכֿע שטימונגען געווען גאָר אונבעקאַנט אין דער נייער און אין דער אַלטער וועלט, און איהם געהערט אַלזאָ אַליין די אידעע צו שאַפֿען אַזאַ אַנשטאַלט. פֿריהער האָבען עקזיסטירט נאָר פּריוואַט — אָדער קייזערליכֿע ביבליאָטעקען, וואו עס איז געווען זעהר שווער צו צוקומען, און אַזעלכֿע זיינען אויך געווען אַ זעלטענ-הייט. די אידעע פֿון אָפֿפֿענטליכֿע ביבליאָטעקען, אויף מאָנאַטליכֿע אָבצאָהלונגען, וואָס יעדער לעזער טראָגט אַריין פֿיר דאָס לעזען, אָט די אידעע האָט געפֿיהרט צום איינריכֿטען ביבליאָטעקען איבער-אַלל אויף דער גאַנצער וועלט און האָט געמאַכֿט דאָס לעזען פֿון ביכֿער מעגליך פֿיר יעדען מענשען. יעדער איינצעלנער מענש פֿון דער ציוויליזירטער געזעללשאַפֿט איז שולדיג אַלזאָ פֿראַנקלינען די טיעפֿסטע דאַנקבאַרקייט פֿיר די וואָלטהאַט, וועלכֿע ער האָט בעוויזען דער מענשהייט דער מיט, וואָס ער האָט בעשאַפֿען די ערשטע געזעלל-שאַפֿטליכֿע ביבליאָטעק.

פֿראַנקלין האָט זיין גאַנצעס לעבען זיך איממער געמיהט ברייטער צו מאַכֿען די ביבליאָטעק מיט וויכֿטיגע נייע ביכֿער, וואָס פֿלעגען נאָר ערשיינען. דאָס האָט צוגעצויגען צו דער ביבליאָטעק אַלץ מעהר אַבאָנענטען און מיט דעם פֿערגראָססערט איהרע מיטלען און געגעבען איהר די מעגליכֿקייט אַלץ מעהר צו פֿערבעססערן זיך.

דער ערפֿאָלג פֿון דער פֿילאַדעלפֿיער ביבליאָטעק איז געוואָרען בעקאַנט אין אַנדערע שטאָדט און באַלד האָט מען אומעדום נאָכֿגעמאַכֿט פֿראַנקלינען אין די ענגלישע קאָלאָניעס פֿון אַמעריקאַ. אין אַ קורצע צייט איז גאַנץ אַמעריקאַ פֿול געוואָרען מיט געזעללשאַפֿטליכֿע ביב-ליאָטעקען. דאָס גרינדען ביבליאָטעקען האָט זיך דאָ אַזוי ווייט ענט-וויקעלט, ווי נאָך אין קיין ציוויליזירטען לאַנד; אַללע היסטאָריקער פֿון די פֿעראייניגטע שטאַאַטען זאָגען איינשטימיג, אַז נאָר דער ווירקונג פֿון די אָפֿפֿענטליכֿע ביבליאָטעקען האָט אַמעריקאַ זעהר פֿיעל צו-פֿערדאַנקען איהר שנעללעס וואַקסען אין קולטור בכלל און בפרט די ענטוויקלונג ביי דער אַמעריקאַנער בעפֿאָלקערונג דער שטרעבונגען פֿון אונאַבהאָנגיקייט און זעלבסטשטענדיגקייט, וואָס דאָס האָט געבראַכֿט אַמעריקאַ זאָלל זיך אָפּרייסען פֿון ענגלאַנד.

די ביבליאָטעק, וואָס פֿראַנקלין האָט געגרינדעט, עקזיסטירט נאָך ביז היינטיגען טאָג און איז איינע פֿון די מערקווירדיגסטע ביבליאָטעקען, זאָגאַר אין די פֿעראייניגטע שטאַאטען. געגענוואָרטיג ענטהאַלט זי איינינע הונדערט טויזענד בּאַנדער. אין אָנפֿאַנג אָבער, אין דעם יאָהר 1731, ווען זי איז געגרינדעט געוואָרען, האָט זי נאָר געהאַט עפּעס מעהר, אַלס צוויי הונדערט בּאַנדער.

די „יונטא" און די איבּעריגע, מיט איהר פֿיל בונדענע, קלובען, די צייטונג, די ביבליאָטעק, די קאָפּיי און אַ גאַנצע רייהע פֿון אַנדערע ניצליכע זאַכען, וואָס פֿראַנקלין האָט אויפגעטאָן, האָבען באַלד געמאַכט זיין נאָמען האָכסט פּאָפּולאָר אין פֿילאַדעלפֿיע און אין גאַנץ פּענסילוואַניען אין אַלגעמיין. זיינע מיטבּירגער האָבען פֿערשטאַנען איהם צו שאָטצען און ניט קוקענדיג אויף זיין יוגענד, האָבען זיי איהם אויסגעקליבען פֿיר אַ סעקרעטער דער פּראָווינצפֿערזאַממלונג פֿון פּענסילוואַניען, און דער דאָרטיגער גובערנאַטער האָט איהם פֿאָרגעשלאָגען די שטעללע פֿון פּאָסט-דירעקטאָר אין פֿילאַדעלפֿיע. אויף דיזע ביידע שטעללונגען האָט זיך פֿראַנקלין ארויס געוויזען אַלס אויפֿטוהער און האָכסט געווּססענהאַפֿטער מענש. אָבוואָהל ער האָט אין דער פּראָווינץ - פֿערזאַממלונג בּעטראַכטען ניט קיין הויכע שטעללע, האָט ער דאָך בּעקוממען באַלד אַגרויסען איינפֿלוס, דורכפֿיהרענדיג זיינע פּראָיעקטען דורך די מיטגליעדער פֿון דער פֿערזאַממלונג. וואָס בּעלאַנגט אין זיין דיענסט אין דער פּאָסט, האָט פֿראַנקלין זי געשטעללט אויף אַזאַ הויכער שטופֿע, ווי זי איז נאָך פֿאַר איהם ניט געשטאַנען ניט נאָר אין אַמעריקא, זאָגאַר אין ענגלאַנד זעלבסט. דעם ערפֿאָלג וואָס זי האָט עררייכט אין דיזער הינזיכט, האָט געבראַכט דאָס די ענגלישע רעגירונג האָט איבּערגעגעבען אין זיין פֿערוואַלטונג די פּאָסטאַמטען פֿון דעם גאַנצען ענגלישען אַמעריקא, און פֿראַנקלין האָט אַ לאַנגע צייט בּעטראָטען די שטעללע פֿון אַגענעראַל-פּאָסטמייסטער איבּער גאַנץ אַמעריקאַ.

אויף דיזע ביידע שטעללונגען האָט פֿראַנקלין געהאַט פֿיעל צו טאָהן, דאָס האָט איהם אָבער ניט געשטערט ווייטער צו אַרבּייטען פֿיר'ן טובת הכלל מיט דעם זעג, וועלכען ער האָט איממער גע-

ליעבט, דאָס איז דער וועג פֿון פּריוואַט - פֿעראיינען אין פּריוואַט — אונטערנעהמונגען. בעזאָנדערע אויפֿמערקזאַמקייט האָט ער געווענדעט זיין אייגענער שטאָדט פֿילאַדעלפֿיע און האָט זיך געמיהט איינצופֿיהרען דאָרט בעססערע אָרדענונגען. פֿילאַדעלפֿיע האָט זיך אין יענער צייט וועניג אונטערשיעדען פֿון אונזערע איצטיגע קלענערע שטאָדט: דאָ איז געוועזען די זעלבע בלאָטע פֿריהלינג און ווינטער, און דער זעלבער שטויב — זומער. קיין גאַססען בעלייכטונג איז אויך ניט געוועזען, נעגען שרפות איז כמעט גאָר קיינע מיטטלען ניט געוועזען און ז. וו. פֿראַנקלין האָט זיך שטאַרק גענוממען מאַכען נייע אַיינריכטונגען אין שטאָדט און האָט זי טאַקע באַלד געבראַכט אין אַבליהענדען צושטאַנד. צוערשט האָט ער זיך גענוממען איינריכטען נאַכט-וועכטער. אום צו בעזאָרגען די זיכערהייט פֿון שטאָדט. דאַן האָט ער אַיינגעפֿיהרט אַ פֿאַזשאַרנע קאָמאַנדע פֿון פֿרייוויליגע שטאָדט - בירגער, דער נאָך האָט ער געסטראָיעט אין די גאַססען טראָטואַרען. בעזאָרגט די גאַססען בעלייכטונג, אַכטונג נעגעבען אויף די ריינליכע איינהאַלטונג פֿון שטאָדט און ז. וו..

פֿראַנקלינס מעהטיגקייט אַלס סעקרעטאַר דער פֿערזאַממלונג און פּאָסט - דירעקטאָר, ווי אויך זיין זאָרגען איבער די גוטע איינהאַלטונג דער שטאָדט האָבען איהם געמאַכט נאָך אַ גרעססערען נאָמען און אויף די נאָכסטע וואַהלען (וויבאָרעס) האָבען איהם זיינע מיטבירגער אויסגעקליעבען פֿיר אַ מיטגליעד אין דער פּראָווינציאַל - פֿערזאַממלונג פֿון פֿילאַדעלפֿיע, די פּפֿליכטען פֿון אַ מיטגליעד אין דיעזער פֿערזאַממלונג האָט פֿראַנקלין געטראָגען כמעט זיין גאַנצעס לעבען און ווי עס האָט זיך געענדיגט די צייט פֿון זיין פֿאָללמאַכט, פֿלעגט מען איהם איטמער אויסקלייבען אויף דאָס ניי, אַלס מיטגליעד דער פֿערזאַממלונג האָט ער געהאַט אַ גרויסען איינפֿלוס אין געטאָהן פֿיעל גוטעס פֿיר פּענסילוואַניען אין פֿילאַדעלפֿיע.

די איינענע געשעפֿטען פֿראַנקילס זיינען דערווייל נעגאַנגען, ווי עס קען ניט געבען בעססער, אַזוי ווי זיין דרוקערייא איז געווען די בעסטע אין אַמעריקא און האָט זיך אויסגעצייכענט דורך זיין אונ-

בעדינגטע עהרליכקייט און ערפילט אימטער די בעשטעללונגען מיט שטרענגער פינקטליכקייט — איז זיין דרוקעריי געוועזען אימער פערווארפען מיט ארבייט. דעם ערפאלג פון זיין דרוקעריי האט פיעל בייגעטראגען דאס. וואס זי האט שטענדיג געהאט די בעסטע ארבייטער. זיי האט אהער צוגעצויגען ווי די הויכע בעלוינונג און גוטע בעהאנדלונג פון פראנקלינס זייטע וועלכער האט זיי בעטראכט ווי זיינע אייגענע פאמיליענגליעדער — אזוי אויך פראנקלינס זארגען צו מאכען די בעסטע פון זיינע ארבייטער פיר זעלבסט-שטענדיגע בעלי-הבתים. א גאנצע רייהע ארבייטער, וואס האבען געארבייט אין פראנקלינס דרוק זיינען געווארען דורך זיין הילפע, בעזיטצער פון אייגענע דרוקען. פראנקלין האט דורך דעם געוואלט בריינגען צווייערליי נוטצען: ערשטענס — טאהן גוטעס זיינע קאמעראדען. וואס האבען מיט איהם צוזאממען געארבייט, און צווייטענס האט ער מיט דעם גופא געדאכט צו פערגראססערען די צאהל פון די דריקען אין דעם לאנד און דאס וועט געוואהנליך, פיעל ערלייכטען דאס דריקען פון ביכער און ארויסגעבען צייטונגען, וועט דאס האבען א אונגעהויערע ווירקונג אויף די בילדונג פון פאלק, און אזוי האבען זיך, א דאנק פראנקלינען, געפינט פיעל דרוקען אין די שטאדט פון ניי-ענגלאנד, אויך אין די זיעדליכע קאלאניען, וועלכע זיינען דאמאלס געשטאנען אין קולטורעלער הינזיכט ניעדעריגער פון ענגלישע קאלאניען אין אמעריקא.

אין זיין פאמיליענלעבען איז פראנקלין געוועזען האכסט גליקליך. צו דרייסיג יאהר זעהען מיר איהם שוין ארומגערינגעלט פון אגרופפע קינדער. די פערהעלטניססע צווישען מאן און פרוי זיינען געוועזען די טרייסטע און די צארטליכסטע, ווי עס קען גאר געבען, די קינדער האבען איהם אויך געשאפט פיעל פערגעניגען.

אז פראנקלין איז אלט געוועזען 35 יאהר, איז זיין מאטעריעללע לאגע געוועזען אזוי גוט, דאס ער האט בעשלאססען אויפצוגעבען זיינע אייגענע געשעפטען, איבערגעבען זיין דרוקעריי אנ'אנדערען און זיך אבגעבען אין גאנצען דער ארבייט פאר'ן כלל. און קוים האט ע

פערזארגט זיין פאמיליע מיט ערטראגליכע לעבענס-מיטטעל, האט ער געהאלטען פיר זיין פליכט אבצוגעבען אללע זיינע קרעפטען אויף צו דיענען זיין פאלק.

IV.

פראנקלין שפיעלט אגרויסע ראללע אין די געזעללשאפטליכע אנגעלעגענהייטען פון די ענגלישע קאלאניען אין אמעריקא.

פון דעם אויגענבליק אן, וואס פראנקלין האט זיך ערוויטערט פון זיינע געשעפטען און האט זיך אבגעגעבען אין גאנצען צו ארבייטען פאר'ן כלל, האט זיך זיין ארבייט וויט ענטוויקעלט, און בעריהרט פערשיידענע זייטען פונ'ם געזעללשאפטליכען לעבען; באלד האט זי שיין ארומגענוממען די אינטערעססען פונ'ם גאנצען ענגלישען אמע-ריקא, אין דער זעלבער צייט איז פיר די ענגלישע קאלאניען געוועזען זעהר וויכטיג די פראגע: ווי אזוי צו שיצען זיך געגען די שפאניער, מיט וועלכע ענגלאנד האט דאמאלס געפיה"ט קריעג, ענגלאנד האט געלאזען איהרע קאלאניען כמעט גאר אונגעשיצט, און אין די קאלא-ניעס זעלבסט איז ניט געוועזען, ניט קיין ארגאניזירטע קריעגסמאכט, ניט קיין קריעגס-פערוואלטונג, וואס וואללט קאננען שטעללען זיך געגען דעם פיינד, ווען ער בעפאלט דאס לאנד. אין פענסילוואניען זענען די אומשטאנדען געשטאנען נאך ערגער, ווייל די פראווינציאל-פערזאממלונג איז דא בעשטאנען גרעסטענטהיילס פון „קוואקערס", וואס האלט קריעג פיהרען פיר אזינד, עס איז אלזא געוועזען שווער צו ווירקען ביי דער פערזאממלונג זי זאלל אססיגנירען וועלכע עס איז מיטטלען אויף צו בעפעסטיגען דאס לאנד און ערווערבען קריעגס פאררא. די זאכע איז געשטאנען זעהר אין אטרויעריגע לאגע, ווען פראנקלין האט זי גענוממען אין זיין האנד מיט גרויס מיה איז איהם

געלינגען צו ארגאניזירען א גענוגענדע מאכט, וואס זאלל זיין -אומשטאנדע וועהרען זיך געגען דעם פיינד. די מאכט איז אנפאנגס געוועזן אקליינע: זי איז בעשטאנען בלויז אויס 1200 מאן, וואס האבען אויסגעדריקט זייער וואונש פרייוויליג אריינצוטרעטען אין דיענסט, אום צו שיצען די קאלאניען. נאר או די נאכריכט איבער דיזען פרייוויליגען-פעראיין האט זיך פערשפרייט איבער גאנץ פענסילוואניען איז שוין די צאהל פון די פרייוויליגע קריגער געוואקסען ביז 12,000 מאן. אום אויסצוהאלטען דיזע קליינע ארמעע האט מען אבער געדארפט האבען בעדייטענדע מיטטעלן: פראנקלין האט זיי געקריגען דורך פרייוויליגע נדבות, אין וועלכע עס האט גענוממען אנ'אנטהייל כמעט די גאנצע בעפאלקערונג פון פענסילוואניען — אזוי שטארק האבען געווירקט זיינע בראשיורען, וואס ער האט צום ליעב דעם צוועק ארויס געגעבען. דעם ביישפיעל פון פענסילוואניען האבען געפאלגט אויך אנדערע קאלאניען. אט אזוי האט זיך שנעלל געבילדעט אין דעם ענגלישען אמעריקא אבעדייטענדע קריעגס-מאכט, וועלכע איז צום גליק געבליעבען אונגעברויכט, ווייל די שפאניער זיינען ניט בעפאללען די ענגלישע קאלאניען אין אמעריקא. שפעטער אבער האט דיזע פרייוויליגע מיליטאר ערוויעזען די אמעריקאנער אגרויסען דיענסט ביי דער בעפרייאונג פון די פעראייניגטע שטאאטען.

אלס די קריעגס געפאהר איז אריבער, האבען זיך פראנקלינס געדאנקען געווענדעט צו אנ'אנדער געגענשטאנד, וואס האט געהאט נאך אוויכטיגערע בעדייטונג, אלס די ארגאניזאציע פונ'ם לאנדס-וועהר. דאס איז געוועזן די ארגאניזאציע פון דער געזעלשאפטליכער בילדונג אין אמעריקא. ביז די פערציגער יאהרען פון פאריגען יאהר-הונדערט זיינען אין אמעריקא קיין אנדערע שולען כמעט ניט געוועזן, אויסער אנפאנגס שולען. די וואס האבען געוואלט געבען זייערע קינדער וויטערע בילדונג, האבען זיי געמוזט שיקען צו ליעב דעם אין ענגלאנד, און דאס האבען, פערשטעהט זיך, געקאנט ערווייזען נאר די רייכע לייט. פראנקלין האט זיך געשטעללט די אויפגאבע צו ארגאניזירען מיטטעלע און דער נאך העכערע בילדונג — שוהלען אין

אמעריקא גופא. אזוי ווי דארין איז געווען פעראינטערעסירט די גאנצע בעפאלקערונג, האט זיך פראנקלין געווענדט דירעקט צום פאלק, אז יעדער זאלל געבען א נדבה אויף צו גרינדען אין פילאדעלפיא אנ׳-אקאדעמיע, וועלכע האט געזאללט פעראייניגען אין זיך אי אמיטטע-לען, אי א העכערען לעהראנשטאלט. עס האבען זיך אשאט געטאהן נדבות פון אללע זייטען און אין אקורצער צייט איז די אקאדעמיע געווען שוין געאפענט. די צאהל פון די, וואס האבען געוואללט אנ-קוממען אין דאס נייע לעהראנשטאלט איז געווען אזוי פיעל, אז באלד האט זיך אין דער שטאדט ניט געפונען קיין געביידע, וואס זאלל זיין גענוג פיר די נייע שולע. פראנקלין האט זיך ווידער גע-נוממען קלייבען נדבות און האט אויפגעקליבען אזא אונגעהייערע סוממע, וואס איז געווען גענוג אויף צו בויען אפראכטפאללעם אוני-ווערזיטאטס — געביידע. ער איז אויסגעקליבען געווארען אלס „פא-פעטשיטעל" פון דער קינפטיגער אוניווערזיטעט און ער האט געהאט פיעל צו טאהן ביז דאס געביידע איז פערטיג געווארען. אזוי איז געגרינדעט געווארען די ערשטע אוניווערזיטעט אין אמעריקא. דיעזע אוניווערזיטעט איז נאך ביז היינטיגען טאג איינע פון די בעסטע אין אמעריקא.

דאס גרינדען דעם אוניווערזיטעט, ווי אלעם וואס פראנקלין פלעגט אויפטאהן, האט ארויסגערופען נאכטהוער אין אנדערע ענגלישע קאלאניען אין אמעריקא. און פראנקלין האט נאך ביי זיין לעבען גע-האט דאס פערגעניגען צו זעהען אגאנצע רייהע פון מיטטעלע און העכערע לעהראנשטאלטען אין זיין פאטערלאנד. און אללע זיינע געגרינדעט געווארען נאר פון פריוואט נדבות, און די רעגירונג האט אין דעם קיין אנטהייל גענוממען. אויף אזא אופן זיינען געווארען אין אמעריקא די אללע צאהל רייכע העכערע לעהראנשטאלטען, וועלכע עקזיסטירען ביז היינטיגען טאג, בלויז אויף נדבות פון פריוואט-לייטע.

אז פראנקלין איז געווארען פערטיג מיט דעם אוניווערזיטעט האט ער זיך גענוממען בעשעפטיגען מיט אנ׳אנדער וויכטיגען רעיון: צו בויען אנ׳אללגעמיינעס קראנקענהויז, ער האט זיך איבעראנייע

גענוממען פראפאגאנדירען דורך מונדליכע רעדען און שריפטליכע בראשיורען, ווי זיין שטייגער, און ער האט ערוועקט ביי אלעמען אינטערעס. עס האבען זיך אויך דיזעס מאל אבגערופען פיעלע מיט פיהלענדע מענשען, וואס האבען געאפפערט דערויף גרויסע סוממען, פיר וועלכע מען האט געקאננט בויען און רייך איינריכטען אהאס-פיטאל אין פילאדעלפיע. דאס איז געוועזען דאס ערשטע קראנקענהויז אין אמעריקא. עס האט גערינט אלס מוסטער פיר אנדערע האס-פיטעלער, וועלכע האבען זיך געעפענט אין גיכען איבעראלל אין די פעראייניגטע שטאאטען, אויף די מיטטלען פון פריוואט מענשען.

צו דיעזער צייט האבען פראנקלינען זיינע מיטבירגער אויס-געקליבען אויף פערשיידענע געזעללשאפטליכע שטעללונגען. א געוויססע צייט איז פראנקלין געוועזען פריעדריכטער, האט אבער באלד אויפ-געגעבען דיעזע שטעללע, ווייל ער האט זיך איבערציינט, אז די רעכטס-לעהרע דיענט אפטער צו פערשטיקען דעם אמת אלס אויפ-צו ווייזען און בעשטראפען דעם שקר. דער נאך איז ער געוועזען אפאללמאכטיגער קאמיסאר פון פענסילוואניען אין דער קאמיסיע, וועלכע האט צוערשט געשלאססען פריעדען צווישען די קאלאניסטען און די איינגעבארנע אינדיאנער און בעשטיממט די גרעניץ צווישען ביידענס לאנדם — בעזיצטהימער. אין דעם יאהר 1754 האט פענסיל-וואניען געשיקט פראנקלינען אויף א גענעראל-קאנוועץ אין אלבאניען, וואו עס האבען זיך דאן פערזאממעלט די פארשטעהער פון אללע ענגלישע קאלאניען אין אמעריקא. און פראנקלין האט דארט פארגע-לייגט א פלאן, אז אללע קאלאניען זאללען בילדען אפעדעראציאן, דאס הייסט, זאללען זיך פעראייניגען צוזאממען. דאס האט גערינט אלס העכסטער ווענד פונקט אין פראנקילס לעבען, ווייל פון דיזען מא-מענט הן איז זיין ווירקען פאר'ן כלל נוגע ניט פענסילוואניען אלליין, נאר גאניץ אמעריקא אין אללגעמיין. דיעזע בעגעבענהייט האט געשפיעלט אוויכטיגע ראללע אין דער געשיכטע פון אמעריקא. ווייל דא האט זיך דאס ערשטע מאל דייטליך ארויס געוויזען די אללגעמיינהייט דער אינטערעססען פון אללע ענגלישע קאלאניען אין אמעריקא, און

די נאָטוועגדיגקייט, אַז זיי זאָללען זיך צוזאַממענשמעלצען אין איין פּאָליטישען קאָרפּער.

אין דיזער צייט, פון וועלכער עס רעדט זיך, זיינען די ענגלישע קאָלאָניען ניט געוועזען צוזאַממען פערבונדען. איבער יעדע פון זיי האט געהאַט צו זאָגען ענטוועדער דאס מיניסטערטהום זעלבסט אין לאָנדאָן, אָדער דירעקט דער ענגלישער קאָניג. די קאָלאָניען אַלליין האבען קיין רעכט ניט געהאַט צו אונטערנעהמען אַ וועלכע עס איז זאַך, וואָס איז נוגע אַלעמען בכלל אויס אַרבייטען אין אַללגעמיין וועלכע עס איז מיטטעלען, וואס זיינען נאָטהיג פיר אַללע קאָלאָניען; אַזעלכע האַנדלונגען און מיטטלען האָט געקאָנגט אונטערנעהמען נאָר די ענגלישע רעגיערונג אין לאָנדאָן, נאָר אַזוי ווי זי איז געוועזען שטאַרק בעשאָפטיגט מיט די אינטערעססען פון ענגלאַנד זעלבסט און מיט דער אייראָפּיעשער פּאָליטיק, האָט זי גאָר ניט געוואָלט קלערען וועגען די בעדערפענעס פון די קאָלאָניעס: דער צו נאָך זיינען געוואָרען די פערהאָלטניססע צווישען די ענגלישע קאָלאָניען אין אַמעריקא און דער מעטריפּאָליע (מוטטער פון די קאָלאָניעס, דאס הייסט, דאָס לאַנד צו וועלכען זיי געהערען) פון מיטטען דעם אַכטצעהנטען יאָהר הונדערט אַזוי געשפּאַננט און דער נאָך זאָגאַר פיינדליך, דאָס די קאלאניען האָבען זיך גאָר ניט געקאָננט ריכטען, אַז די לאָנדאָנער רעגיערונג זאָלל נעמען זאָרגען בעזונדער פיר זייערע אינטערעססען. ענדליך האבען די אַמעריקאנער קאָלאָניען ניט אַנערקעננט. אַז די לאָנדאָנער רעגיערונג זאָלל האָבען דאס רעכט צו מישען זיך אין זייערע איננערליכע אַנגעלעגענהייטען. אויף אַזאַנ'אַרט זיינען די אַללגעמיינע בעדערפניססע פון די קאָלאָניעס געבליעבען אונבעפריעדיגט. עס איז ניט קיין וואונדער, אַז די אידעע פון דער קאָלאָניען — פעראייניגונג, וואס פראנקלין האָט פאָרגעלייגט אין אַלבאַניען, איז געקוממען אַקקוראַט צו דער רעכטער צייט: דער באָדען פיר דיזער אידעע איז שוין געוועזען פאָרבערייטעט און די אַמעריקאַנער האָבען זי אויפגענוממען אין פערווירקליכט אין דער געשטאַלט פון די פעראייניגטע שטאַאַטען.

אַרוים גערוּגע האָט די פֿערזאַמלונג פֿון די קאָלאָניענפֿאָר־שטעהער אין אַלבּאַניען די מלחמה, וואָס מען האָט ערוואַרטעט צווישען ענגלאַנד און פֿראַנקרייך. דאָס איז געווען אין דעם יאָהר 1754. די לאָנדאָנער רעגיערונג האָט עמפֿאָהלען די גובערנאַטאָרען פֿון די קאָלאָניעס. זיי זאָללען אַנווענדען די נאָטיגע מיטטלען צו שיצען די קאָלאָניען פֿאַר די פֿראַנצויזען (אוים קאַנאַדאַ, וואָס האָט דאַמאָלס געהאָרט צו די פֿראַנצויזען.) איינע פֿון די מיטטלען איז געוועזען די פֿערזאַממלונג פֿון די פֿאָרשטעהער פֿון אַללע קאָלאָניען אין זעקס וויכטיגע אינדיאַנישע פֿעלקערשאַפֿטען, אום צו האלטען אַן עצה, וואָס מען טהוט צו בעשיצען דאָס לאַנד. אַט דיזע פֿערזאַממלונג האָט פֿראַנקלין — אלס איינער פֿון די פֿיער פֿאָרשטעהער פֿון פּענסילוואַ־ניען — בענוצט אום פֿאָרצולייגען די אַמעריקאַנער דעם פּלאַן פֿון אַקאָלאָניען־פֿעדעראַציאָן. דער פּלאַן איז אין אַללגעמיין בעשטאַנגען אין פֿאָלגענדעס: יעדע קאָלאָניע האָט געדאַרפֿט אויסקלייבען צוויי דעפּוטאַטען אויף דריי יאָהר; די אַלגעמיינע פֿערזאַממלונג פֿון דיזע דעפּוטאַטען האָט געהאַנדעלט אונטער דער פֿאָרזיצונג פֿון אַ פּערזאָן, וואָס איז בעשטיממט געוואָרען פֿון קאָניג. די פֿערזאַמלונג האָט געהאַט רעכט צו שליעססען די פֿראַגע וועגען קריעג אָדער פֿריעדען מיט די אינדיאַנער, אַרוים געבען געזעצע פֿיר די נייע, ביי די אינ־דיאַנער געקויפֿטע לאַנדשטרעקען, זי האָט אויך געהאַט דאָס רעכט אָרגאַניזירען מיליטער, בויען פֿעסטונגען און אויסריכטען שיפֿען צו בעהיטען די ברעגען און די האַנדעלס־שיפֿען אויף די ימים, דיזען פּלאַן האָבען די קאָלאָניען — פֿאָרשטעהער אַנגענוממען, אָבער די רעגיערונג האָט איהם ניט בעשטעטיגט, פֿון דעסטוועגען האָט ער געהאַט אַ וויכטיגע בעדייטונג אין דעם לעבען פֿון אַמעריקאַ, דען ער האָט דאָס ערשטע מאָל אַרויפֿגעבראַכט די אַמעריקאַנער אויף דער נויטווענדיגקייט פֿון אַקאָלאָניען־פֿעראייניגונג, וואָס דער פֿון האָבען זיך שפּעטער געבילדעט די פֿעראייניגטע שטאַאַטען.

באַלד האָט זיך אָנגעפֿאַנגען דער ערוואַרטעטער קריעג מיט די פֿראַנצויזען און די ענגלישע קאָלאָניעס האָבען זיך געפֿונען זעהר אין איין אונבעשיצטער לאַגע. מען האָט געמוזט זאָרגען וועגען דער אָרגאַני־

ניזאַציע פֿון שוין ערשט דאַמאָלס, ווען דער קריעג האָט זיך שוין
אָנגעהויבען און דאָ האָט דער ערשטער פּלאַץ ווידער געהאָרט
פֿראַנקלינען. ער האָט געצייגט די גראָסטע דיענסט די ענגלישע
אַרמעען, וועלכע מען האָט צו געשיקט אין ניי-ענגלאַנד צו האַנדלען
געגען די פֿראַנצויזען. די לאַגע פֿון די אַרמעען איז געווען זעהר
אַ טרויעריגע: זיי האָט געפֿעהלט פּראָוויאַנט, און פֿיהר מיטטלען;
געלד אויף צו ערווערבען די ביידע זאַכען איז אין דער קריעגסקאַססע
אויך ניט געוועזען, די דאָרטיגע פּראָווינץ-פֿערזאַמלונגען פֿון די
קאָלאָניעס, וואָס זי צו שיצען האָט מען געשיקט דאָס חיל, האָט גאָר
ניט געאַרט די שווערע לאַגע פֿון דער אַרמעע און זיי האָבען אַ פּעניג
ניט געגעבען אויף אויסצוהאַלטען זי. דאָ האָט זיך שוין אַרויסגעוויזען
דער האַס צווישען די קאָלאָניען אין דער מעטראָפּאָליע. פֿראַנקלין
האָט פֿערשטאַנען, אַז יעצט ווען מען ערוואַרטעט יעדען אויגענבליק
דאָס איינברעכען פֿון דעם פֿיינד, דאַרף מען אבלייגען אָן אַ זייט
אַללע פּריטענזעס און האַנדלען אַללע אין איינעם, ער האָט בעשלאָססען
אַלליין מיט זיין אייגענער פּערזאָן צו בעפֿרייען דאָס ענגלישע מילי-
טער פֿון זיין שווערען צושטאַנד. ער האָט אָבגעמאַכט מיט דעם
קאָמאַנדיר פֿון דער איינגלישער אַרמעע, אַז ער וועט אויסהאַלטען מיט זיינע
אייגענע מיטטלען אויף וועגען, פֿערד און פּראָוויאַנט און דער נאָך
זאָלל די ענגלישע שטאַאטסקאַססע איהם אומקעהרען זיינע אויסגאַבען.
אָט אַזוי איז די אַרמעע געוועזען פֿערזאָרגט מיט אַללע איהרע בעדער-
פֿענעס און ענדליך איז זי געווען אין שטאַנדע אַרויס צו טרעטען געגען די
פֿראַנצויזען, וועלכע זיינען שוין געשטאַנען ביין גרענעץ פֿון פּענסילוואַניען,
דיזער צוג האָט זיך אָבער זעהר מאוס געענדיגט: דער פֿיינד, וואָס איז גע-
ווען פֿיעל קלענער אין צאָהל האָט געמאַכט פֿון די ענגלענדער אַ תל און
פֿון דעם ענגלישען חיל איז ניט געבליבען קיין שפור. די אינדיאַנער
וואָס זיינען געוועזען איינס מיט די פֿראַנצויזען, האָבען אויסגעקוילעט
גאַנצע דאָרפֿער אין פּענסילוואַניען: אַשרעק האָט אָנגעחאַפּט די
קאָלאָניען, אַללע האָבען זיך פֿערלאָרען, און האָבען ניט געוואוסט
וואָס צו טאָהן. נור איין פֿראַנקלין האָט ניט פֿערלאָרען דעם מוהט.
אָבוואָהל ער האָט פֿערלאָרען זעהר פֿיעל דורך דער מפלה פֿון די

ענגלאַנדער, ווייל דער גענעראַל, וואָס האט איבער די אַרמעע קאָמאַנדירט איז אומגעקוממען אין שלאַכט און האָט ניט צייט געהאט צו בעשטאַטיגען מיט זיין אונטערשריפט פראנקלינס רעכנונגען. פראנקלין האָט קיין פעניג ניט בעקוממען דער פון, וואָס ער האט אויסגעהאַלטען פיר די ענגלישע אַרמעע. דאָך דער היזק פון דער גראָסטער העלפט פערמאָגען האָט איהם ניט גערויבט די ענערגיע און ער האָט זיך אָבגעגעבען אין גאַנצען דער זאָרג צו בעשיצען זיין פאטערלאַנד.

גלייך, ווי די ענגלענדער האָבען געהאַט די מפלה, האָט פראנקלין צוזאַממענגערופען אַפּראָווינצפערזאַממלונג און האָט איהר פאָרגעלייגט פיעל מיטטלען צו אָרגאַניזירען דעם שוץ געגען דעם פיינד. ער האָט פאָרגעלייגט אפלאַן מען זאָלל אָרגאַניזירען אַפריי-וויללינעם מיליטער, וואָ הין עס זאָללען אריינטרעטען אַללע יונגע מענשען פון אַ בעשטימטען אָלטער. די פערזאַממלונג האָט אָנגענוממען דעם פאָרשלאַג און מיט פראַנקלינס מיה איז דאס פרייוויללינע מיליטער געוואָרען אָרגאַניזירט. דער הויפט פון דיזער מיליטער זיינען געווען יענע פרייוויליגע הריענער, וועלכע פראַנקלין האָט נאָך, ווי אויבען געזאָגט, אָרגאַניזירט פריהער.

ווייטער האָט פראנקלין פארגעלייגט מען זאָלל בויען ביין גרעניץ אַרייהע פעסטונגען, וועלכע זאָללען קאָנגען שטערען, אָדער ווייניגסטענס אָבהאַלטען דאס אנפאַללען פון דעם פיינד — און דיזער פאָר-שלאַג איז אויך אָנגענוממען געוואָרען, צו זאַממען דער מיט, האט די פערזאַממלונג איבער געגעבען אין פראנקילס האָנד אַללע אָפעראַ-ציאָנען צום וועהרען זיך, און געמאַכט איהם צום קאמיססאַר איבער אַללע ארבייטען און אויסגאַבען צום שוץ פון פענסילוואניען. פראנקלין האט זיך ניט בעגנוגענט מיט דיזער שטעללע אללין און וועללענדיג ווירקען דורך זיין אייגענעם ביישפיעל אויף דאס יונגע מיליטער, האָט ער אויף זיך גענוממען דאָס קאָמאַנדירען מיט דער ערשטער פאָרמירטער ראָטע און האט זיך מיט איהר בעגעבען צום גרעניץ. דאָ האט ער שטאַרק געארבייט מיט זיין ראָטע, האָט אויס געבויט אַרייהע קליינע פעסטונגען. דאַמאלס ערשט האט ער איבערגעגעבען

די קאמאנדע אפראפעססיאנעלען מיליטער — אנפיהרער און האט
זיך אומגעקעהרט נאך פילאדעלפיע. אין פילאדעלפיע האט פראנ-
קלינען ערווארטעט אסורפריז. דאס רעגימענט, וואס איז בעשטאנען
זיפטואבליך אויס פילאדעלפער פרייוויליגע האט איהם געוואהלט פיר
זיין פאלקאווניק און ער האט אנגענוממען דיזע וואהל. זיין קריעגס-
זהם איז אזוי היך געוואקסען אז דער גובערנאטאר פון פענסילוואנ-
יען האט איהם פארגעשלאגען ער זאלל אננעהמען די קאמאנדע
איבער די פרישע ארמעען, וואס זיינען נאר וואס אנגעקוממען פון
ענגלאנד און זיינען בעשטיממט געוועזן פון אנייעם צוג געגען די
די פראנצויזען. פראנקלין האט אבער דיזען פארשלאג ענטזאגט.

אז דער קריעג איז געווען צו ענדע האט זיך פראנקלין
אומגעקעהרט אהיים צו ערפיללען זיינע פפליכטען אלס
פארשטעהער פון זיין שטאדט אין דער פראווינץ-פערזאממלונג, און
דיזער פעריאדע פון זיין געזעללשאפטליכער טהעטיגקייט האט
פראנקלין ארויסגעוויזען א שטארקע התנגדות געגען דעם פענסיל-
וואניער גובערנאטאר. די אורזאכע פון דעם איז געווען אימער די
פרעטענזיעס פון דער פאמיליע „פען" די נאכקאמען פון דעם פען
וואס האט געגרינדעט פענסילוואניע, די פריווילעגיען, וועלכע דיזע
פאמיליע האט גענאססען, ווי דאס רעכט צו פערטיילען לאנדסאמטער
נאך זייער וויללען, זאגאר בעהויפטען דעם גובערנאטאר פון פענסיל-
וואניען זעלבסט און זיין אמט, די בעפרייאונג דער אונגעהייערזי
גיטטער פון דיזער פאמיליע פון אללע אבגאבען, די פערשיידענע
צאללען, וואס די „פעננער" האבען גענוממען פון די בירגער א. ז. וו.
— דאס אללעס האט שוין לאנג ערוועקט די אינצופריעדענהייט פון
דער בעפאלקערונג, און יעצט האט זי גענוממען שטרעבען זיך ער-
נערגיש אללע דיזע פריווילעגיען פון די „פעננער" צו פערניכטען. אינ-
דעססען האט דער גובערנאטאר, וועלכער האט געהאט צו פערדאנקען
זיין אמט די פעננער, מבטל געווען אללע בעשליעססע פון דער
פראווינציאלפערזאממלונג, וואס האבען געהאט דעם צוועק צו בע-
גרענצען (פערקלענערען) די פריווילליגען פון די „פענער" און האט
זאך, פערקעהרט, געזוכט מיט אללע מיטטלען זייערע תעוגדיזר

רעכֿטע צו פֿערגרעסערן, דאָ האָט פֿראַנקלין זיך געשטעלט אַנטקעגען דעם גובערנאַטאָר מיט גרויס ענערגיע און פֿעראייניגט אַרום זיך דאָס גרעסטע טהייל מיטגליעדער פֿון דער פֿערזאַמלונג. דער גובערנאַטאָר האָט געפּרובט זאָגאַר אונטערקויפֿען פֿראַנקלינען, צוזאָגענדיג איהם אַז אין פֿאַל ער וועט פֿרידען שליעסען צווישען די בעפֿאָלקערונג און די „פּענער", וועללען איהם דיזע זעהר רייך בעלוינען, דאַרויף האָט פֿראַנקלין פּשוט געענטפֿערט, דאָס אַדאַנק זיין געוואָהנהייט צו אַרבייטען און דער איינפֿאַכֿהייט פֿון זיין לעבענס-אַרט, נייטיגט ער זיך ניט אין די חסדים פֿון גרויסע לייט; און האָט ווייטער געקעמפֿט פֿיר די רעכֿטע דער בעפֿאָלקערונג געגען די פּרעטענזיעס פֿון די פּענער.

דיזע טהעטיגקייט פֿראַנקלינס, האָט געפֿיהרט די פּענסילוואַניער צום געדאַנק, אַז קיינער וועט ניט קאָננען אַזוי פֿערטהיידיגען די רעכֿטע פֿון די קאָלאָניעס אין לאָנדאָן, ווי פֿראַנקלין, און זיי האָבען בעשלאָססען צו שיקען איהם אַהין אַלס פֿאָללמאַכֿטיגען אַגענט פֿון פּענסילוואַניען. אין דיזער צייט זיינען די פֿערהעלטניססע צווישען דער פּראָווינצפֿערזאַמלונג און דעם גובערנאַטאָר געוועזען האָכֿסט געשפּאַננט, דער גובערנאַטאָר האָט נאָכֿאַנאַנד מבטל געווען אַללע בעשליעססע דער פֿערזאַמלונג און אויף דעם אופֿן האָט ער פּאַקטיש פֿערניכֿטעט איהר נאַנצע טהעטיגקייט. די פֿערזאַמלונג האָט בעשלאָססען צו שיקען אַביטע צום ענגלישען קאָניג, אַז ער זאָלל אָבנעהמען ביי דער פּעננער-פֿאַמיליע איהר רעכֿט איינצוזעצען די גובערנאַטאָרען פֿון פּענסילוואַניען אין זייער אַמט, און אום צו דערלאַנגען און שטיצען די בקשה איז אויסגעקליבען געוואָרען פֿראַנקלין.

פֿון דיזען אויגענבליק הייבט זיך אָן אַ נייע פּעריאָדע אין פֿראַנקלינס טהעטיגקייט. מיט זיין אָנקומען אין לאָנדאָן אַלס פֿאָלל-מאַכֿטיגער אַגענט פֿון פּענסילוואַניען און דער נאָך פֿון אייניגע אַנדערע אַמעריקאַנישע קאָלאָניעס, העט פֿראַנקלין אויף צו זיין בלויז אַן אַמעריקאַנישער פֿאָלקס-פֿיהרער און טרעט אַרויס אויף דער סצענע פֿון דער אַללגעמיינער וועלט-געשיכֿטע. פֿון איצטער אָן בע-

קומט זיין טהעטיגקייט אבעדייטונג ניט נאר פיר די נארד אמעריקאנישע ענגלישע קאלאניעס, זאנדערן אויך פיר גאנץ אייראפא בכלל.

נאר איידער מיר וועללען איבערגעהן צו דיזער נייער פעריאדע פון פראנקלינס לעבען און ווירקען מוזען מיר זיך אביסעל אבשטעלען נאך אויף איין זייטע פון זיין לעבען. מיר מוזען בעטראכטען זיין קורצע, אבער האכסט פרוכטבארע וויססענשאפטליכע טהעטיגקייט, מיט וועלכער ער האט זיך אבגעגעבען קורץ פאר זיין קוממען נאך לאנדאן.

V.

פראנקלין — א געלעהרטער.

נאך אלס קינד האט פראנקלין בעוויזען פיעל ליעבע צו פונקטליכע וויססענשאפטען, דאס הייסט אזעלכע וויססענשאפטען וואס קאננען ווערען מאטהעמאטיש — פינקטליך ערוויזען דורך עקספערימענטען (פראבען, פערזוכע), ווי צום ביישפיעל: פהיזיק, חעמיע, טעכניק, מעכאניק און אנדערע, זייענדיג אבער געצוואונגען פון יוגענד אן צו פערווענדען זיינע קרעפטען אויף ערווערבען זיך לעבענס-מיטטעל, האט ער ניט געהאט די מעגליכקייט אבצוגעבען זיך סיסטעמאטיש די וויססענשאפטליכע בעשעפטיגונגען, וועלכע ער האט אזוי געליעבט. אז דער קאמפף מיט דער נויט איז געוועזען צו ענדע און פראנקלינס מאטעריעללע לאגע איז געווען געזיכערט, האבען די כלל-זאכען וויעדער צו גענומען זיין גאנצע צייט און ניט געגעבען איהם קיין מעגליכקייט צו בעשעפטיגען זיך מיט דער וויססענשאפט, פון דעסטוועגען האט ער ניט דורך געלאזען קיין געלעגענהייט און, ווי ער האט נאר געקראגען א פרייע מינוט, האט

ער זי אָבגעגעבען צו פערברייטערן זיינע וויססענשאַפטליכע קאָננטעניס.

אָנפאַנגס האָט ער זיך בעשעפטיגט נאָר מיט די קאָנטעניס, וואָס ברייגען נוצען אין פּראַקטישען לעבען. דער גייסט צו ערפינדען, צו אויסקלערין אַ נייע זאַך האָט זיך ארויסגעוויזען אין פראַנקלינען זעהר פריה, נאָך אַלס אַ יונגער אינגעל האָט ער אין זיין ברודערס דרוק פערפאָללקאָממט די דרוקפרעססען. שפּעטער האָט ער געבראַכט אַ גאַנצע רייהע פערבעססערונגען אין דער דרוקעראַרבייט. זיין נייגונג צו ערפינדען האָט זיך אַרויסגעוויזען נאָך אין אַ פולע אַנדערע זאַכען. זייענדיג דאָס ערשטע מאָל אין לאָנדאָן, האָט ער בעמערקט אַז די גאַססענלאַנטערנעס ברעננען טונקעל, און ער האָט אויסגעפינען אַ מיטטעל אַז די לאָמפּען זאָללען ברעננען העללער, נאָר פראַנקלינס וויכטיגסטע ערפינדונג אין דעם היזיכט זיינען געווען די בעריהמטע „פראַנקלינס אוויועלאַך,“ וואָס האָבען געבראַכט העלפט ברעננמאַטער־יאַל אַלס אנדערע אויבענס. פיר דיזע ערפינדונג, האָט פראַנקלין בעקוממען פון צוויי קאָללעגיאָן (ארט אוניווערזיטעטען) דעם טיטעל: „דאָקטאָר דער קינסטען“.

מיט דער עלעקטריציטעט האָט זיך פראַנקלין אנגעפאַנגען צו בעשעפטיגען דורך אַ צופאַל. די עלעקריציטעטס־וויססענשאַפט איז נאָך דאַמאָלס געשטאַנען אויף זעהר אַקליינער מדרגה. די פערזוכען איבער די עלעקטרישע מאַשינען האָבען געדיענט ניט מעהר ווי צום אַמוזירען אין רייכע זאַללען, קיין פראַקטישען געברויך האָט מען נאָך פון איהר ניט געמאַכט. פראַנקלין האָט אָבער פערשטאַנען, אַז די עלעקטריציטעט קען ברייגען אונגעהייערען נוצען דעם מענשען אין זיין פראַקטישען לעבען, און מיט דעם צוועק האָט ער זיך אָב־געגעבען דעם שטודיום פון דיזער נאַטור־קראַפט. דיזע וויססענשאַפט האָט זיך יעצט אַזוי ווייט ענטוויקעלט, אַז פראַנקלינס ערפינדונגען אין דער עלעקטרישער קראַפט זיינען בעקאַנט יעדען שילער, אָבער פיר יענער צייט זיינען זיי געוועזען ווירקליך געניאַליש.

פראַנקלין האָט אַרויסגעגעבען אַ ביכעל אין וועלכען ער האָט געשילדערט זיינע בעטראַכטונגען און געדאַנקען איבער דיזען

געגענשטאנד. די שטאלצע געלעהרטע האבען אנפאנגס אויף זיין ביבעל קיין אכט ניט געגעבען. צופאלליג איז פראנקלינס ווערק איבער די עלעקטריציטעט אריינגעפאללען אין די האנד צו א פראנצויזישען פיזיקער. און דאס ביבעל איז קורץ נאך דעם איבער געזעצט גע-ווארען אין אנדערע אייראפאישע שפראכען און דאמאלס האבען אנ-געהויבען דאריבער צו שרעבען אללע געלעהרטע אין אייראפא. די ענגלישע קאניגליכע געלעהרטען-געזעללשאפט האט דאן אנערקענט די גרויסע וויכטיגקייט פון פראנקלינס וויססענשאפטליכער ארבייט, האט איהם אויסגעקליעבען פיר א מיטגליעד און בעעהרט איהם מיט א גאלדענעם מעדאל.

אין וואס זשע זיינען בעשטאנען פראנקלינס ערפינדונגען אין דער עלעקטרישער וויססענשאפט? איידער מיר וועלען דאריף ענט-פערין מוזען מיר פריהער געבען א קורצע ערקלערונג: וואס איז די עלעקטריציטאט?

„עלעקטריציטעט" *) הייסט בוכשטאבליך „ברוסטינקראפט". דאס הייסט די קראפט. וואס פיעלע מענשען האבען געוויס בעמערקט אין ברוסטינענע פאצשערקעס: אז מען זאלל א ברוסטינענע פאצשערקע א ביסעל אריבטהון אן געוואנד און דער נאך צו טראגען זי נאהענט צו קליינע שטיקעלאך פאפיר, וועללען די שטיקעלאך פאפיר אזוי ווי מאטילקעס אנהויבען צו שפרינגען צו דער פאצשערקע. דאס קומט דער פון, וואס אין דעם ברוסטין ליעגט א בעזאנדערע קראפט, וועלכע ציעהט צו זיך צו די קליינע שטיקלאך פאפיר. דיזע קראפט האבען געלעהרטע געפונען ניט נאר אין דעם ברוסטין, זאנדערן אין אללע קארפער, און אין אללע געגענשטאנדען וואס עקסעסטירען אויף דער וועלט. דער אונטערשייד איז. וואס אין איין קארפער איז דיזע קראפט מעהר און אין דעם אנדערין — וועניגער. אז מען זאלל א טיק ברוסטין שטארק רייבען וועללען דער פון ארויספליהען קליינע בליש-

*) זעה דאס ביבעל „דונגער אונ בליץ" וועלכעס האט ערשינט אין פערלאג „פראגרעסס".

צעגדיגע פונקען. דיזע פונקען הייסען „עלעקטרישע פינקען". איצטער קאָננען מענשען מאַכען אַזעלכע כאַשינען פון וועלכע עס פליהען ארויס פונקען די גרויס אהאלב אַרשין, דאָס זיינען וואַהרע בליצען אין אַקליינעם פאַרמאַט. אַזוינע עלעקטרישע פונקען קענען בעטויבען און זאָגאַר הרגנן אמענשען. אָבער מענשען האָבען דיזע גוואַלטיגע קראַפט איינגעשפאַננט זיך צום דיענסט, אזוי ווי דעם ווינט, דאָס וואַססער, דעם דאַמפף און עס איז גאָר שווער אוים צו רעכענען וואָססערע אונגעהייערע נוצען די עלעקטרישע קראַפט בריינגט אין אונזער צייט דעם מענשען; די עלעקטריציטאָט לייכט איהם און וואַרמט, זי דרייט אין די פאַבריקעס און זאַוואָדען אַללערליי מאַשינען, זי שלעפט טויזענדער וואַגאָנען אויף דער יבשה און שיפען אויפען ים, זי היילט איהם און קליידט איהם. דער עלעקטריציטאָט האָבען מענשען צו דאַנקען, וואָס זיי קאָננען זיך אויפריידען יעצט איף אַ-שטרעקע פון טויזענדער מיילען, דורך די עלעקטריציטאָט בעקוממט מען פון די בארג אַללערליי מעטאַללען א. ז. וו.

אין פראַנקלינס צייט האָט מען שוין אויך געוואוסט פון דער עלעקטריציטאָט, אָבער ווי עס איז שוין אויבען געזאָגט, איז דיזע וויססענשאַפט דאַמאָלס געשטאַנגען אויף אַניעדריגע שטופע, עס זיינען שוין דאַן אויך געווען עלעקטרישע מאַשינען, אָבער דיזע האָבען נאָך קיין וויכטיגען נוצען דעם מענשען ניט געבראַכט. זיי האָבען במעט געדיענט, ווי יעצט דער פאָנאָגראַף, בלויז צום אַמוזירען. פראַנקלין האָט דער ערשטער ענטדעקט די אָהנליכקייט צווישען די פונקען פון דער עלעקטרישער מאַשינע און דעם בליץ אין די וואָלקען און האָט ערקלאָרט. אז דוננער אין בליץ זיינען ניט מעהר ווי עלעק-טרישע ערשיינונגען.

די פונקען פון א עלעקטרישע מאַשינע ווייזען זיך דאַן ווען מען בריינגט צו איהר נאהענט אַפערשפיצטען שטיקעל מעטאַל, הויפט-זאַכליך אייזענדראָט, ווייל אייזען איז במעט דאָס בעסטע מעטאַל וואָס לאָזט דורך זיך פריי לויפען דעם עלעקטרישען שטראָם. פראַנקלין האָט געדאַכט, אז אויב דוננער אין בליטץ קוממט ארויס, ווייל די לופט אין דער הויך איז אָנגעפילט, ווי די מאַשין, מיט עלעקטריציטאָט,

איז לייכט צו ערוויזען, ווען מען זאָלל ברייגגען נאָהענט צו די וואָלקען אַפּערשפּיצטען דראָט. צוליעב דעם צוועק האָט ער זיך בענוצט מיט אַ קינדערשען שפּיעל-צייג — אַפּאַפּירענעם „זמיי״ וואס קינדער לאָזען פליהען אין דער הויך אין דער צייט פון אווינד, צו דעם זמיי האָט פראנקלין צו געטשעפּעט אַפּערשפּיצטע שטיקעל מעטאַל, פון וועלכע עס איז געגאַנגען אַ דיננע דראָט איינגעפלאָכטען אין שפּאַגאַט. אויף דער ערד האט זיך די דראָט פעראייניגט מיט אַ מעטאַלענעם קויל. פראַנקלין האט גערעכענט, אז אויב אַ געוויטטער (דיננער און בליץ) איז אַ עלעקטרישע ערשיינונג, וועט דאָס פערשפּיצטע שטיקעל מעטאַלל, וואָס איז צוגעטשעפּעט צום זמיי, צו ציעהען צו זיך די עלעקטריציטאָט פון דער לופט, ווי פון אַעלעקטרישער מאַשינע. דאן וועט די עלעקטריציטאָט פליסען פון דעם שפּיץ צום דראָט, דורך דעם דראָט גלייך אין דער מעטאַל-קוגעל און דאָרטען וועט זי זיך אויפקלייבען אין אַגרויסער מאַססע. ווען עס זאָלל אזוי זיין ווי פראנקלין האט געקלערט, וועט מען דאַמאָלס קאָננען,— האָבענדיג אין האנד אַמעטאַלענעם שטעקעל און ברייגגענדיג דעם שטעקעל נאָהענט צום קויל — אַרויס ציעהען פון דעם קויל עלעקטרישע פינקען, ווי פון אַ עלעקטרישע מאַשין, וואס איז אַנגעלאָדען מיט עלעקטריציטאָט. דיזע פּראָבע האָט זיך גוט אַיינגעגעבען און פראנקלין האט פאַר אַ גרויסע מענגע מענשען אַרויסגעצויגען פון דעם מעטאַללענעם קויל פונקען די לאָנג אַנ׳אַרשין און נאָך מעהר, און האָט אויפגעוויזען דייטליך, אז דוננער און בליץ זיינען פּינקט דאָס זעלבע, וואָס דער פונק און טראַסק, וועלכע לאָזען זיך זעהען און הערען פון אַ עלעקטרישער מאַשין.

אלס פּראַקטישער גייסט האָט פראנקלין געזעהן, אז זיין ערפינדונג זאָלל ברייגגען נוצען דעם געוואָהנליכען לעבען. ווי באַלד ער האט דער קאָננט די קראַפט פון דוננער און בליץ און האָט געפינען אַ מיטטעל צו ציהען די קראַפט צו אַ בעשטימטען פונקט, האָט פראנקלין באַלד גענומען קלערען, ווי אויסצוגעפינען אַ מיטטעל צו פערמיידען די אונגליקען וואָס דוננערן פעראורזאַכען אָפט אַנידערפאַלענדיג אויף הויכע געביידען. אזוי האָט ער ערפינדען די

בליטצאב-לייטער, וואס זיינען יעצט אלעמען בעקאננט. די איזעע פון דעם בליטצאבלייטער, ווי עס איז בעוואוסט, איז גאר איינפאך: אויף דער געביידע ווערט געשטעללט אפערשפיצטער מעטאללענער שטעקעל, וואס קוממט אוים העכער פאר דעם שפיץ פון דער געביידע זעלבסט, דיזעס פערשפיצטער מעטאלל איז פערבונדען מיט אדראט, וואס געהט אראב אין דער ערד. די עלעקטריציטעט פון דער לופט, בעת אנ'געוויטטער, ווערט צוגעצויגען פון דעם פערשפיצטען מעטאלל און דער נאך לופט זי אראב דורך דעם מעטאלל-שטעקעל אין דראט גלייך אין דער ערד און ריהרט די געביידע גאר ניט אן. דיזע הכסט איינפאכע איינריכטונג האט געבראכט דער מענשהייט די גראסטע נוצען. פון דאמאלס אן זיינען די בליצאב-לייטער איינגעפיהרט אין דער גאנצער ציוויליזירטער וועלט, ביי אללע הויכע געביידען, און דיזע זיינען אויף אימער געזיכערט פון דעם שרעקליכען שאדען אין אונגליק וואס דער דונער פלעגט אנמאכען פריהער.

נאך אוויכטיגערן פערדיענסט אין דער וויססענשאפט האט פראנקלינס השערה איבער די זובסטאנץ (די ריכטיגקייט) פון עלעקטרישע ערשיינונגען, דאס הייסט די אורזאכע פון וואנען די עלעקטריציטאט נעהמט זיך. עס איז בעקאננט אז עס איז דא צווייערליי עלעקטריציטאט: פאזיטיווע אדער צו ציהענדע און נעגאטיווע אדער אבשטויסענדע. נאך פראנקלינס לעהרע זיינען דאס נאר צוויי פערשיידענע אייגענשאפטען פון דער זעלבער קראפט, וועלכע ווירקט אין שיטטערן צושטאנד — פאזיטיו (צו ציהענד) און אין געדיכטען צושטאנד נעגאטיווע (אבשטויסענד).

פראנקלין האט ערקלערט, אז ווען די עלעקטרישע קראפט געפינט זיך אין א קארפער צווועניג, ווירקט זי אבשטויסענד, און ווען צו פיעל, דאן ווירקט זי צו ציהענד.

מיר וועללען קיין פוללע ניט מאריך זיין וועגען דעם: מיר מוזען נאר זאגען נאך א מאל, אז דיזע טהעאריע פראנקלינס, האט די הכסטע בעדייטונג פיר דער וויססענשאפט, אין זיין צייט אבער האט מען זי ניט געוויסט צו שאצען. ערשט שפעטער אין 150 יאהר ארום

האָבען די געלעהרטע אָנגענוממען זיין טעאָריע מיט דעם אונטער-שייד נאָר, וואָס די נייעסטע פיזיק האַלט פיר די אורזאַכע פון דער עלעקטרישער ערשיינונגען די זעלבע פליססיגקייט, (אויף דעם לשון פון די געלעהרטע הייסט זי אָטהער) וואָס מאַכט ווארעמקייט און ליכט.

אויסער דער בעשעפטיגונג מיט דער עלעקטריציטאָט, האָט פראנקלין שטודירט די מעטעראָלאָגיע (וועטטערלעהרע), די שיפ-בויקונסט, די פראַגע ווי אַזוי צו בערוהיגען אין אַ שטורעם די וועללען פון ים דורך אייל, די שווימקונסט אין ז. וו. דיזע אַרבייטען האָבען אַללע געטראָגען אַפּראַקטישען כאַראַקטער.

VI.

פראנקלין אויף דער וועלט סצענע.

פראַנקלין איז געקוממען אין לאָנדאָן אין אַ שווערער צייט; פון אַ פאָרשטעהער דער קאָלאָניען האָט זיך דאמאַלס געפאָדערט פיעל גייסט און טאַקט אום מיט עהרע אויס צופיהרען זיין ראָללע. די פערהעלטניססע צווישען ענגלאַנד און די קאָלאָניען זיינען דאמאַלס געווען זעהר געשפאַננט. מיר האָבען שוין געזאָגט, אַז די בעפאָל-קערונג פון די נאָרד — אַמעריקאַנישע קאָלאָניען איז בעשטאַנגען, הויפט-זאָכליך, פון פריידענקענדע סעקטען, וואָס זייערע אַנהאָנגער האָבען געליטטען רדיפות אין ענגלאַנד. אין די קאָלאָניעס זיינען זיי געקוממען מיט דער האָפפענונג צו געפוננען דאָרט די פרייהייט צום גלויבען און לעבען נאָך זייערע געדאַנקען. עס פערשטעהט זיך, אַז אַזאַ אָרט בעפאָלקערונג האָט פריהער אָדער שפעטער זיך אונפערמיידליך געמוזט אָברייסען פון דער מעטראָפאָליע. פון איין זייט האָט דאָס אַלטע שטאָלצע ענגלאַנד, געקוקט מיט שרעק אויף די פרייע אַנשטאַלטען און אייגענאַרטיגע לעבענסאַרט,

וואס האבען זיך געבילדעט אין אמעריקא, און פון דער אנדערער זייט האבען די פרייהייט-ליעבענדע קאלאניסטען געהאט וועניג חשק צו טראגען די אונטער דריקונג פון פערשיידענע אויסוואורפען פון דער ענגלישע געזעללשאפט, (וועלכע פלעגען קוממען אין די קאלאניעס אום צו פערנעהמען דארט שטעללען), און ליידען פון אזעלכע בעלי-הבתים ווי די פאמיליע „פען”, וואס האט זיך געציעלט אריין נעהמען די קאלאניען אין זייער אייגענעם רשות. אט די „בעלי-בתים און די אויסוואורפען פון די אריסטאקראטישע פאמיליען פלעגען זיך שטענדיג בעקלאגען פאר דער ענגלישער רעגירונג אויף די קאלאניסטען, וועלכע האבען זיי ניט געלאזען קאמאנדעווען אין די קאלאניען, ווי זיי האט זיך געוואלט. דאס האט נאך מעהר פארנאנדער געבלאזען דעם פייער און פערגראסערט די אונצופריעדענהייט צווישען די קאלאניען אין דער מעטראפאליע. ביי אזעלכע פערהאלטניססע, פערשטעהט זיך, איז גענוג געווען אקלייניגקייט, אז די ביז אהער פערשוויגענע אונצופריעדענהייט זאלל איבערגעהען אין אן'אפפענעם האס, און אגרונד דער צו האט זיך טאקע באלד ערוויעזען.

ביי אזא צושטאנד איז געווען ניט לייכט צו זיין א פארשטעהער פון די קאלאניען אין לאנדאן. פראנקלינס לאגע איז נאך שלימער געווארען דערפון, וואס אין לאנדאן האט מען אויף איהם געקוקט, ווי אויף איינעם פון די, וואס זיינען אם מעהרסטען שולדיג אין דער שטרעבונג צו פרייהייט און אונאבהאנגיקייט, וואס האט זיך ענטוויקעלט אין די קאלאניען, דערצו האט נאך פראנקלין גאר ניט געקלערט בעהאלטען זיינע מיינונגען. פערקעהרט: ער האט וויטער געארבייט גאנץ אפען מיט דעם זעלבען גאנג און געמיהט זיך צו ענטוויקלען אין אמעריקא געזעללשאפטליכע זעלבסטטהעטיגקייט און איינפמינטערן די אמעריקאנער צו קאמפפען פיר זייערע רעכטע געגען די, וואס וויללען זיי דיזע בערויבען. אזא אויפפיהרונג פראנקלינס האט איהם ערווארבען די סימפאטיע פון אללע בעסטע מענשען פון יענער צייט, נאר צוזאממען דערמיט האט זי איהם צוגעצויגען דעם האסס פון דאמאלסדיגער ענגלישער רעגירונג און פון די הערשענדע קלאססען אין ענגלאנד בכלל.

23367

אין דעם יאהר 1765 האט דער ענגלישער פארלאמענט איינגעפיהרט אין די קאלאניעס אנייע אבצאהלונג דורך הערבאווע פאפיער. דיזע הערבאווע אבצאהלונג האט שרעקליך אויפגערייצט די אמעריקאנער, ווייל לויט דעם געזעץ האט די ענגלישע רעגיערונג אהן דעם וויללען פון די קאלאניען פערזאממלונגען ניט געהאט קיין רעכט ארויף צו לייגען אויף די קאלאניעס אוועלכען עס איז שטייער (נאלאג). די ענגלישע רעגיערונג האט אבער ניט געקוקט אויף דעם ענערגישען פראטעסט פון די קאלאניסטען און האט בעשלאססען דורכצופיהרען מיט געוואלד די הערבאווע אבצאהלונגען אין די קאלאניעס. דאן זיינען די אויפגערייצטע אמעריקאנער איבער געגאנגען פון ריידען צו ארבייטען. די פאק הערבאווע פאפיער, וואס זיינען אנגעקוממען פון ענגלאנד, האט מען פערברענט און די פערזאנען, וואס האבען אנגענוממען די אמטער, אלס פערקויפער פון דיזע פאפיער, האט מען געשלאגען און געצווינגען ווי זאללען זיך ענטזאגען אויף איממער פון זייער אמטער.

דיזע מעשים האבען שטארק אויפגעבראכט ענגלאנד און אין פארלאמענט האבען א טהייל מיטגליעדער פארגעשלאגען צו ענטזאגען זיך פון די אבצאהלונגען, וויל נאך זייער מיינונג האבען די אמעריקאנער רעכט, לויט די קאנסטיטוציאנעללע געזעצע. אבער דאס גראסטע טהייל איז געוועזן געגען דעם און האט געפאדערט, מען זאלל איינפיהרען די צאלל מיט געוואלד. לויט דעם מנהג, זיינען געוועזן געלאדען אין פארלאמענט געניטע מענשען, אום אוים צו הערען זייער מיינונג. אונטער דיזע געלאדענע איז אויך געוועזן פראנקלין, זיינע ערקלארונגען האבען געמאכט אגאנצע עפאכע אין דער אמעריקאנישער פראגע. די אייראפעער בכלל און דאס גרעסטע טהייל פון די ענגלענדער האבען ניט געהאט קיין ריכטיגען בעגריעף איבער דער לאגע פון די אמעריקאנישע קאלאניען, דאס רוב האט מען ווי געהאלטען פאר קליינע, וואו ניט וואו, צושפרייטע דארפלאך, וועלכע קאנען ניט האבען קיין פאליטישע בעדייטונג. פון פראנקלינען האט אייראפא און ענגלאנד בפרט, דאס ערשטע מאל ערפאהרען, אז דארטען, אויף יענער זייט פון דעם אנטלאנטישען אקעאן, האט זיך שוין געבילדעט

אמאָלטיגע פּאָליטישע קאָרפּערשאַפט, וואָס האָט נאָר קיין רעכט ניט צו זיין אונטער דער קאָמאַנדע פון די ענגלישע בעאַמטע (ציגאָוניקעס), נאָר זי וויל לעבען נאָך איהר אייגענעם פערשטאַנד און ווילען און האָט די קראַפט אויס צופיהרען איהר וואונש און בעשטעהען פיר איהרע רעכטע. פראַנקלין האָט מייסטערהאַפט געמאָלט דאָס בילד פון דעם עקאָנאָמישען און קולטורעלען וואוקס פון דער אמעריקאַנישער קאָלאָניען און האָט געאָפינט פאַר די פערוואונדערטע הערשער פון ענגלאַנד אַנייע וועלט, וואָס איז זיי ביז דאַן געווען גאָר אונבעקאַנט. צום סוף האָט פראַנקלין מיט שטאָלץ אַנגעמעלדעט, אז די קאָלאָניען וועללען קיין מאָל ניט איינשטיממען צו לאָזען זיך בעלעגען מיט עפּעס אַ שטייער געגען זייער ווילען, און אז מען וועט זיך פּריווען רויבען ביי זיי די רעכטע, וואָס די בריטאַנישע קאָנסטיטוציע זיכערט יעדען ענגלישען בירגער, וועט זיי קיין זאַך ניט אבהאַלטען צו שיטצען זייערע רעכטע.

דיזע ערקלאָרונגען זיינע, האבען צוגעצויגען צום מוטהיגען קאָמפּפער פיר די רעכטע פון די אמעריקאַנער קאָלאָניען דאָס אינטערעס און סימפּאַטיע פון די ערעלסטע און בעסטע מענשען אין איראָפּאַ און ענגלאַנד. נאָר צו דער זעלבער צייט האבען זיי ארויס גערופען אַ ווילדען האַס ביי די ענגלישע הערשער ווי געגען פראַנקלינען, אזוי אויך געגען די אמעריקאַנישע קאָלאָניען. פון דעם אייגענבליק אָן האָט די ענגלישע רעגיערונג גענוממען רודפ'ן פראַנקלינען אויף יעדען שריטט. ערשטענס האָט מען איהם אַראָב געזעצט פון דעם אַמט פון אַגענעראל פּאָסט-מייסטער איבער אמעריקאַ, ניט אַכטענדיג אויף דעם, וואָס ער האָט די פּאָסט אַנגעלעגענהייטען געשטעללט אויף אַזאַ הויכקייט, אויף וועלכער זיי זיינען נאָך דאַמאָלס ניט געשטאַנגען, זאָגאַר אין ענגלאַנד אַליין. מען האָט איהם אויך גערדריקט אין זיין ליטעראַרישער ארבייט. און פראַנקלין איז געווען געצוואונגען ניט אונטערשרייבען זיין נאָמען אויף זיינע בראָשורען וועלכע מען האָט פערפאָלגט דורך געריכט, ער אַליין זאָגאַר איז געווען שטענדיג אין געפאַהר, און ווען מען האָט איהם ניט ארעסטירט די גאַנצע צייט וואָס ער האָט זיך אויפגעהאַלטען אין לאָנדאָן,

איז דאס נאר, ווייל די רעגיערונג האט איינפֿאך מורא געהאט אנצונעהמען דיזעס טיטעל, זעהענדיג ווי שנעלל פֿראנקלין האט בעקוממען א אונגעהייערע פאפולאריטאט (שם) אין דער לאנדאנער בעפֿאלקערונגס מאססע. ניט קוקענדיג אויף דאס אללעס האט פֿראנקלין דאך אויף איין אויגענבליק ניט אוועקגעלייגט זיין ארבייט, וואס איהר צוועק איז געוועזן צו ערציעהען אין די אמעריקאנער דאס געזעלשאפֿטליכע זעלבסט בעוואוסטזיין און אונטער צו האלטען אין זיי פֿעסט דעם בעשלוס צו ווידערשטעהען געגען די פראבען פֿון דער ענגלישער רעגיערונג צו בעלאסטען די קאלאניען מיט צאלל און שטייער. דיזע פראבען האבען זיך ניט איין מאל ווידער האלט, נאך דעם ווי עס האט זיך ניט איינגעגעבען די הערבאווע צאלל, ביז זיי האבען געבראכט צו אנאפֿענעם קאמפף צווישען ענגלאנד און די קאלאניען.

אגרויסע ווירקונג האבען אויף די אמעריקאנער, ווי אויך אויף דאס פֿארנינפֿטיגערע טהייל פֿון דער ענגלישער געזעללשאפֿט, געמאכט פֿראנקלינס פֿלוגשריפֿטען, אין וועלכע ער האט אין איראנישער אבער שארפֿער פֿארם געשילדערט די אונגערעכטיגקייט פֿון דער ענגלישער רעגיערונג געגען די קאלאניען. דיזע טאלענטפֿאלע פֿלוגשריפֿטען האבען נאך גראססער געמאכט פֿראנקלינס שם אין דער ענגלישער פֿאלקסמאססע, אבער פֿון דער אנדער זייטע האבען זיי אויף געבראכט אויף דער אויסערסטער ווייזע געגען איהם די ענגלישע אריסטאקראטיע און דאס דאמאליגע מיניסטערטהום. אנשטאט צו אבשטעלען זיך אין זייערע אונגערעכטע האנדלונגען געגען די קאלאניען און צו הערען זיך צו זייערע געזעצליכע בעקלאגונגען, האט דאס דאמאליגע מיניסטערטהום נאר געזארגט וועגען איין זאך: ווי אזוי זאלל מען צווינגען די קאלאניען צאהלען די אבגאבען, וואס מען האט אויף זיי ארויף געלייגט. נאכדעם ווי זיי האט זיך ניט איינגעגעבען מיט דער הערבאווער צאלל און אנדערע אבגאבען, וועלכע מען האט געמוזט נעהמען אין אמעריקא גופא, האט דאס מיניסטעטהום זיך אבגעשטעללט אויף דעם געדאנק צו צווינגען די אמעריקאנער צאהלען די אבגאבען, וואס מען וואללט קאנען זיי נעהמען אין ענגלאנד.

צו ריזען צוועק האט זיך ערוויזען בעקוועם צו בעלייגען מיט צאָלל דעם טהיי, וואָס ווערט אריינגעפיהרט אין אמעריקא. אין יענער צייט איז דער טהיי האנדעל געווען אין מאָנאָפאָליע ביי א אָסט — אינ־דישער קאָמפאניע. דער טהיי, וואָס פלעגט אָנקומען אין אמעריקא האט געמוזט דורכגעהן דורך די לאָנדאָנער שפּייכלער פון דער קאָמפּאניע און מיט אַנ׳אנדער וועג האט אין אמעריקא ניט געקאָנט אריינקומען ניט איין פונט טהיי, אזא אָבגאָבע וואָס מען נעהמט פון דער בעפעלקערונג ניט דירעקט, דאָס הייסט מיט מזומנע געלט אָדער דורך הערבאָווע פאפיער, נאָר מיט אייטיגען גאנג, עס זאָלל ניט זיין אזוי קאָנטיג, ווי צום ביישפּיעל: דורך בעלויגען פערשיידענע סחורות מיט באָנדעראָל — הייסט אינדירעקטע אָדער זייטיגע אָב־גאָבען. ווי באלד, אז דירעקטע צאָלל האבען די אמעריקאנער פאַר קיין פאלל ניט געוואָלט צאָהלען, האט דאָס ענגלישע מיניסטער־טהום געמיינט, אז עס ועט זיך איהם איינגעבען צו צווינגען זיי צאָהלען אינדירעקטע אָבגאָבען.

אָבער די אמעריקאנער האָבען פערשטאַנען דעם פּלאַן פון דער רעגיערונג, און דאָס האָט נאָך מעהר אויפגערעגט אין זיי דעם צאָרן. אין גאנץ אמעריקא האבען זיך גענומען בילדען פעראיינען, וואָס זייער צוועק איז געווען איינצוהאלטען זיך און קיין טהיי ניט צו טרינקען. דער טהיי־האנדעל איז געפאללען. אין די שפּייכלער פון דער אָסט־אינדישער קאָמפאניע האָבען זיך אָנגעקליעבען צעהנדליגע מיללִיאָנעם פונט טהיי, וועלכען קיינער האט ניט געוואָלט נעמען. זייע פראכטען טהיי האָבען די אמעריקאנער ניט געלאָזען אראָבלייגען אויף די ברעגען און אין באָסטאָן, וואו מען האט יא אראָבגעלייגט פון די שיפען טהיי מיט דער הילפע פון קריעגסמאכט, זיינען די בירגער, פערקליידטע, אלס אינדיאנער, בעפאללען די קאסטענס מיט טהיי און האבען זיי אריינגעשליידערט אין ים.

די פערהאלטניססע צווישען ענגלאנד און די קאָלאָניעס זיינען געוואָרען אלץ שלימער. דאָס מיניסטערטהום האט גערעכענט אָב־צו שרעקען די אמעריקאנער דורך דריק־מיטטלען. די פּראָווינצ־פערזאמלונגען זיינען געוואָרען פארנאנדער געלאָזען, א פּולע מע שינ,

וואס זיינען געווען בעקאנט דורך זייער ווירקען צום נוצען פֿון די קאלאניעס, האט מען ארעסטירט און געוואללט אוועק שיקען נאך ענגלאנד צום געריכט, ווייל מען איז געווען זיכער אז די אמעריקאנער געשווארענע ריכטער וועללען זיי ערקלארען פֿיר אינשולדיג. מען האט געהאלטען גרייט מיליטער אויף מאכען ארדנונגען אין די קאלאניען.

פֿראנקלינס לאנגע אין לאנדאן איז געווען אהאכסט געפֿעהרליכער און זיינע ענגלישע פֿריינד האבען איהם געראטען אומקעהרען זיך נאך אמעריקא. אבער ער האט בעשלאססען צו בלייבען אויף זיין פלאץ, ביז צו ענדע; ער האט נאך געהאפֿט. אז די שטאאטסלייט פֿון ענגלאנד וועללען קומען צום שכל און וועללען ניט ברענגען דערצו, אז די קאלאניען זאללען זיך אין גאנצען אבריסען פֿון ענגלאנד. אין דער ריכטונג האט ער שטארק געארבייט אין לאנדאן. נאר פֿון דעסטוועגען האט ער ניט געוואללט, אז זיינע אמעריקאנער מיט בירגער זאללען נאכגעבען אין דער זאכע, וועלכע ער האט געהאלטען פֿיר גערעכט און אין זיינע בריעף צו די אמעריקאנער פֿריינד האט ער זיי שטארק אויפֿגעמינטערט צו האלטען זיך פֿעסט אן זייערע פֿארדערונגען און ניט שטעהן בלייבען ביז די ענגלישע רעגיערונג וועט זיך ניט ענטזאגען פֿון די האססליכע צאללען.

וואס וויטער זיינען די זאכען אלץ געווארען שלימער און פֿינסטערער. אין דעם יאהר 1770 איז אין באסטאן ארויסגעקומען אצוזאמענשטויסונג צווישען די בירגער און די ענגלישע סאלדאטען, דער ביי זיינען דער הרגעט געווארען דריי און פֿערוואונדעט פֿינף בירגער. דיזע „באסטאנער הריגה" האט געמאכט אשרעקליכע אויפֿרעגונג אין אללע אמעריקאנער קאלאניען און געשטייגערט דעם האסס צו דער ענגלישער הערישעדריי ביז צו דער האכסטער שטופֿע. אין דער זעלבער צייט האבען די ארטיגע גובערנאטארען פֿארגעשטעללט דער רעגיערונג די „שלאכט" נאר מיט אנדערע געפֿעלשטע פֿארבען, נאך זייער שילדערונג זיינען די בירגער געווען אללין שולדיג אין די אויפֿפֿיהרונג פֿון די סאלדאטען, וועלכע איז ארויסגעשטעללט

געוואָרען כמעט אלס העלדענשאַפט. די פאַלשע ראַפּאָרטען פון די קאָלאָניענגובערנאַטאָרען האָבען פערפיהרט דאָס מיניסטערטהום, און עס האָט נאָך שלעכטער בעהאַנדעלט די קאָלאָניען. דאַריבער האָט פראַנקלין בעשלאָססען אויפצווייזען די פאַלשקייט פון די ראַפּאָרטען דער גובערנאַטאָרען. דער צופאַלל האָט געבראַכט אין זיין האַנד אַראַפּאָרט פון איין גובערנאַטאָר. דיזען ראַפּאָרט האָט ער געדרוקט מיט אַפּיירוש, אין וועלכען ער האָט אויפגעוויזען די גאַנצע נידער-טראַכטיגקייט פון די קאָלאָניענפערוואַלטער, דיזע פלוג-שריפט האָט געמאַכט אַגאַנצען רעש, ווי אין אַמעריקא אַזוי אין ענגלאַנד; דאס מיניסטערטהום האט געוואָלט אַרעסטירען פראַנקלינען, נאָר עס האט ווידער מורא געהאַט פאַר זיין פּאָפּולאַריטאָט ביי די לאָנדאָנער איינוואָהנער. דאַמאָלס איז געוואָרען בעשלאָססען, מען זאָלל איהם פאָרדערן צום געריכט, כלומערסט אויף געזעצליכער ווייזע, און ער איז געלאַדען געוואָרען צום פערהאָר פאַר דאס געהיימע געריכט. צוזאַממען מיט איהם האט מען גערופען צום פערהאָר אויך צוויי אַנדערע פאָרשטעהער פון די קאָלאָניען, וועלכע וואַרען אין לאָנדאָן, פראַנקלינען האָט ערלויבט אויף דעם געהאָר (דאַפּראָס) אַלערליי בע-ליידיגונגען, וואס דער ווילדער צאָרן פון זיינע נעגנער האָבען נאָר געקאָנט אויסטראַכטען, מען האט זיך געמיהט איהם צו בעשוואָרצען מיט אַללע מעגליכקייט, אַויסשטעללען איהם פיר אַמענשען, וואָס איז פעהיג אויף אַללעס ניעדערטרעכטיגע. פראַנקלין האט אויסגע-הערט אַללע בעליידיגענדע רעדען מיט ערלער רוהיגקייט און האָט פעראָרטליך גענטפערט אויף זיי אין אַזעלכע איינגעהאַלטענע אויס-דריקען, אַז זאָגאַר פיעלע פון די אַנוועזענדע מיטגליעדער פון דער אַריסטאָקראַטיע, וועלכע האָבען פריהער ניט געהאַט די געלעגענהייט צו זעהען און הערען פראַנקלינען, האָבען אָנגעהויבען פיהלען צו דיזען פאָרשטעהער פון דעם דעמאָקראַטישען לאַנד טיעפע-אַכטונג. פראַנקלין איז אַרויס פון דעם געהיימגעריכט מיט אַ שטאָלץ אויפגע-הויבענעם קאָפּ, בעגלייט פון שטיללער בעוואונדערונג, און זיין פּאָ-פּולאַריטעט, וועלכע האָט איהם אימער געשיצט אין געפאַהר, האט נאָך מעהר געשטיגען ווי פריהער.

די ענגלישע רעגיערונג האט געדריקט די קאָלאָניען ווי פֿריהער. באָסטאָן איז, פֿאַר דער געשיכטע מיט דעם טהיי, בעשטראָפֿט געוואָרען דער מיט, וואָס איהר האַפֿען איז געוואָרען צוגעמאַכט; דאָס האט געמוזט ריכטען צו גרונד איהר בעפֿאָלקערינג, די גאַנצע פראָווינץ מאַססאַצוזעט האט פֿערלאָרען איהרע רעכטע, וואס די קאָנסטיטוציאָן האט געגעבען די ענגלישע אונטערטהאַנען, מען האט גערויבט די בעפֿאָלקערונג דאס רעכט צו וואָהלען ריכטער, מיטגליעדער פֿון קאָלאָניאַל — ראַטה און אָהנליכע געזעלשאַפֿטליכע בעאַמטע. דיזע אַללע האט יעצט בעשטיממט דער גובערנאַטאָר אַלליין, אַללע פֿערזאַמלונגען זיינען געוואָרען פֿערבאָטען; יעדער וואס האט געהאַנדעלט געגען די נייע הערשענדע אָרדנונג איז געוואָרען ארעסטירט און אָבגעשיקט נאָך ענגלאַנד. דיזע מיטטלען אָבער האָבען נאָך מעהר צורייצט די אויפֿגעבראַכטע בעפֿאָלקערונג. אומעטום זיינען געגרינדעט געוואָרען מיטטינגס *), אום איים צו דריקען דאָס אונווילֿלען געגען די מיניסטאָרען און די סימפּאַטיע צו די באָסטאָנער. עס זיינען געזאַממעלט געוואָרען נדבות אויף שטיצען די איינוואָהנער פֿון באָסטאָן אין דעם טאָג. ווען מען האט צו געמאַכט דעם באָסטאָנער האַפֿען איז אָנגענוממען געוואָרען פֿיר א טאָג פֿון אַללגעמיינעם טרויער אין אַללע קאָלאָניען.

אין דעם יאָהר 1774 האָט, אויף פֿראַנקלינס ראַטה, זיך פֿערזאַממעלט אין פֿילאַדעלפֿיע אַנ'אַלגעמיינער קאָנגרעס, אויף וועלכען עס האָבען געשיקט פֿאָרשטעהער אַללע קאָלאָניען, אָהן אויסנאַהמע. די גובערנאַטאָרען האָבען מיט אַללע מיטטלען געזוכט צו שטערען דעם קאָנגרעס, אָבער זיי האָבען גאָר נישט געקאָנט מאַכען.

דיזער קאָנגרעס האט געמאַכט א גאַנצע עפּאָכע אין דער געשיכטע פֿון אַמעריקא, אין דיזען קריטישען מאָמענט האָבען אַללע סעקטען און פּאַרטייען פֿערגעססען זייערע שטרייטיגקייטען און געשיקט אויפ'ן קאָנגרעס די בעסטע און פֿעהיגסטע מענשען, אין דעם

*) פֿערזאַמלונגען.

בעוואוסט-זיין פון דער שווערער פעראנטווארטליכקייט, וואס זייער ראללע לייגט אויף זיי ארויף האבען די פערזאממעלטע בעהאנדעלט די פראגען, וועלכע עס איז פארגעשטאנגען צו בעאורטיילען, מיט דער גראסטער אויפמערקזאמקייט, פאר אלעמען איז געווען קלאהר, אז אמעריקא בלייבט נאר איין אויסוועג; אנמעלדען איהר אונאבהאנגיקייט און קאמפפען דאפיר מיט וואפפען אין די האנד, פון דעסטוועגען האט מען דאך בעשלאסען צו פרווען נאך אמאל א פריעדליכען מיטטעל — ווענדען זיך צו דער ענגלישער רעגיערונג מיט א ביטטע, אין וועלכער מען האט געשילדערט אללע אונרעכטען געגען די קאלאניען און געפאדערט געזעצליכע בעהאנדלונג, לויט דער ענגלישער קאנסטיטוציע.

דיזע ביטטע איבער געבען דעם פארלאמענט האט געדארפט פראנקלין. פיעלע מיטגליעדער פון פארלאמענט האבען געשטיצט די ביטטע, דער בעריהמטער לארד צשאטאם איז געווארען פראנקלינס א אינטימער פריינד. זיי האבען ביידע אויסגעארבייט אפלאן, ווי אזוי צו פעראייניגען ביידע צדדים: די קאלאניען מיט דער מעטראפאליע, דער פארלאמענט אבער האט גאר ניט געוואלט זאגאר איבערקוקען דעם פראיעקט. די פארלאמענטארישע רעדנער האבען נאר געשימפפט די אמעריקאנער און בעזאנדערס פראנקלין, וועלכער איז געוועזען דערביי אין פארלאמענט.

קומענדיג צוריק פון דיזער פארלאמענטארישער זיטצונג, האט פראנקלין באלד געשיקט א דין וחשבון פון אללעם וואס איז פארגעגאנגען אין פארלאמענט ביי דעם קאנגרעס פון די אמעריקאנישע קאלאניעז. יעצט איז ביי די אמעריקאנער שוין קיין שום צווייפעל ניט געבליעבען, אז מען מוז זיך אבוייסען פון ענגלאנד.

„אויב מיר וויללען זיין פריי מוזען מיר קאמפפען, יא, ביי גאטט מיר מוזען און האבען דאס רעכט צו קאמפפען". — האט אוים געשריען אויף דעם קאנגרעס אדעפוטאט און די גאנצע פערזאממלונג, האט ווי איין מאן אנגענוממען דיזען בעשלוס.

דער קאמפף האט זיך אנגעהויבען נאך איידער די אונאבהאנגיקייט פון אמעריקא איז געווארען אנגעקינדעט. די התחלה

האבען געמאכט די ענגלישע ארמעען, וועלכע האבען געוואללט אבנעהמען די געוועהר פון די מיליצען (פרייוויליגען חיל) פון דער פראווינץ מאססאצשוזעטס. די מיליצע האט פערהאפט איינינע שפייכלער מיט געוועהר און עטליכע פעסטונגען, עס האבען זיך אנגעפאנגען שוין פארמאלנע בלוטיגע מלחמות צווישען די אמעריקאנער און די ענגלישע מיליטער. און די אמעריקאנער האבען זיך נאך אלץ ניט בעשלאססען אפ צו רייסען זיך פון ענגלאנד און האבען געפרופט ענדיגען די זאכע אויף פריעדליכען וועג. די אנטווארט אויף דיזע פראבעס איז אבער געוועזען דאס צושיקען פון נייע ענגלישע ארמעען. דאן איז געווארען קלאר, אז נאר דורך געוועהר קען מען מאכען אנ'ענדע צום שטרייט.

ווי דער קאמפף האט זיך נאר אנגעהויבען, איז פראנקלין אונגעזאמט געקוממען נאך אמעריקא. מען האט איהם באלד אויסגעקליעבען פיר א מיטגליעד אויפען קאנגרעס פון פענסילוואניען און בעשטימטט פיר אפאסט-מייסטער איבער גאנץ אמעריקא. אויף דיזען פאסטען האט ער ערוויזען זיין פאטער-לאנד בעדייטענדע דיענסטע, וויל די רעגעלמאססיגע פאסט, וועלכע ער האט ארגאניזירט אין דעם גאנצען לאנד, האט געגעבען די מאגליכקייט צו בעקוממען אין דער צייט נאכריכטען פון אלע עקען פון דעם קריעגס-פלאץ און פערנאנדער שיקען אין דער צייט פעראָרדנונגען.

אונטער אנדערע פערזאנען, מיט וועלכע פראנקלין האט געשלאססען נאהענטע בעקאנטשאפט אין ענגלאנד און וועלכע האבען מיטגעפיהלט דעם יונגען אמעריקאנישען פאלק און זיין בעפרייאונגס-קאמפף, האט זיך געפונגען איינער אבעוואוסטער פריידענקער טהאמאס פען. ער איז געוועזען דורכגענוממען מיט אזא צארן געגען די ענגלישע רעגיערונג און מיט אזא מיט געפיהל צו די אמעריקאנער, אז ער האט בעשלאססען אריבער צו פאהרען צוזאממען מיט פראנקלינען נאך אמעריקא און שטעללען זיך אין דעם פארשטעהענדען קאמפף אויף דער זייטע פון די אמעריקאנער, זיינע ארטיקלען אין די אמעריקאנער צייטונגען און בעזאנדערס זיין בערימטעס בוך „דער געזונדער מענשענפערשטאנד" האבען געמאכט אסוף צו די ספקות פון די

אמעריקאנער אין בעוואוינען זיי ענדליך צו ערקלארען די אונאבהאנגיג-
קייט פון אמעריקא. דיזע ערקלארונג איז געשעהן אין דאס יאהר 1776.
דער קאנגרעס האט אויסגעקליעבען אקאמיטעט פון פינף פערזאן,
וועלכע האבען אויסגעארבייט דעם מאניפעסט איבער די אונאבהאנ-
גיגקייט, און איינער פון די פינף אין דעם קאמיטעט איז געוועזן
פראנקלין. אויף דיזע ווייזע איז אויף פראנקלינס גורל אויסגעפאללען
די גרויסע עהרע נעהמען זעהר אנאזהענטען אנטייל אין דער פער-
פאססינג פון דעם אקט, מיט וועלכען עס האט זיך אנגעפאנגען די
אונאבהאנגיגע עקזיסטענץ פון די נארד — אמעריקאנער פעראייניגטע
שטאאטען.

VII.

פארטזעטצונג פון זעקסטען קאפיטעל.

דער מאניפעסט איבער די אונאבהאנגיגקייט פון די אמעריקא-
נישע קאלאניען, וועלכע האבען „שפעטער בעקומען דעם נאמען:
„פעראייניגטע שטאאטען" האט געבראכט די הערשענדע קלאססען
פון ענגלאנד אין ווילדען צארן. מען האט געשיקט נאך אמעריקא
מאססען חיל, וועלכע האבען בעקומען דעם בעפעהל צו דער
שטיקען דעם בונט פון די קאלאניען מיט „פייער און שווערד", די
יונגע ראטעס פון די אמעריקאנער זיינען בעשטאנען פון פרייוויללינגע
סאלדאטען, וואס דאס רוב פון זיי האבען פריהער קיין מאל ניט
געהאלטען געוועהר אין האנד. דאך האבען זיי מוטהיג און טאפפער
(חראברע) בעגעגענט דעם פיינד און אנפאנגס האבען זיי געווינגען
אגאנצע רייהע וויכטיגע זיעגען אבער באלד האט דאס דיסציפלינירטע
ענגלישע חיל אנגעהויבען צו נעהמען די אויבערהאנד איבער די
אונגעארדנעטע רעגימענטער פון די אמעריקאנישע פרייוויליגע. די

ער[illegible]ריג אין שטרייט האט שפּאָטער אויסגעארבייט פון דיזע פריי-
ווילליגע אונגעניטע קריגער — העלדענמוטהיגע ארמעען, וועלכע האָבען
געקעמפּט מיט עהרע פיר די אונאַבהאָנגיקייט פון זייער פאטער-לאנד
און האָבען געצווינגען די ענגלאָנדער צו שליעסען אזא פריעדען דורך
וועלכען עס איז אנערקעננט געוואָרען דיזע אונאבהאָנגיקייט. נאָך
יעצט האט ביי די פרייוויללינע נאָך געפעהלט די ערפאַהרונג (גענִיט-
שאַפט) און די ענגלאָנדער האָבען גענוממען איבער זיי די אויבער-
האַנד. זיי האָבען אשפּאַר געטאָן אויף דאָס אמעריקאנישע מיליטער
און אָנגעהויבען צו נעהמען אשטאָדט נאָך אשטאָדט. פיעל אמע-
ריקאנער זיינען געקוממען אין פערצווייפלונג און די זאַכע פון דער
אמעריקאַנישער אונאבהאָנגיקייט וואָללט לייכט געקאָננט געהן צו
גרונד, ווען עס וואָללט ניט קוממען די אמעריקאנער צו הילף
אשטאַרקער פריינד, דיזער פריינד איז געוועזען פראַנקרייך און דאָס צו
ציהען איהם אויף זייער זייטע האָבען די אמעריקאנער געהאַט צו
פערדיינקען נאָר פראַנקלינען. אויסער דעם האט פראנקלין אויף די
זייטע פון אמעריקא געוואונען צוויי גרויסע מאָננער פון יענער צייט;
לאַפאַיעט און דעם בעריהמטען פוילישען העלד קאָסציושקאָ. דער
ערשטער האָט געבראַכט צו העלפען די אמעריקאנער אגאַנצען קאָר-
פּוס חיל, וועלכען ער האט אָרגאַניזירט אויף זיין אייגענעם רעכנונג
און ער האט איבערהויפּט געשפּיעלט אַוויכטיגע ראָללע אין דעם
קאַמפף פיר די בעפרייאונג פון אמעריקא. דער לעצטער, אַלס
הויפּט אינזשעניער, האט אויך בעוויזען די אמעריקאנער זעהר
וויכטיגע נוצען. אייראָפּא אין אַלגעמיין און פראַנקרייך בעזאָנדערס
האָבען, אויסער הילפע מיט מענשען, געשטיצט די אמעריקאנער
מיט געוועהר און קריעגס מיטלען. דער בעריהמטער פראַנצויז באַ-
מאַרשע האט געאָפּפערט די אמעריקאנער זיין אונגעהייערן פערמאָגען.
אויך פיעל אנדערע מענשען האָבען געאָפּפערט דעם בעפרייאונגס-
קאמפף דער אמעריקאנער זייער בלוט אין גוט.

זינט דאָס פראַנצויזישע מיליטער איז ארויס געטראָטען אויף
דער קריעגסצענע האָט דאס גליק פערלאָזען די ענגלאָנדער. דערצו
האָבען די פרייווילינע אמעריקאנער שוין ערוואָרבען געניטקייט אין

דער קריעגסזאכע אונ נאך איידער די פראנצויזען זיינען געקוממען האבען זיי אויספייעט צו נעהמען געפאנגען אגאנצע ענגלישע ארמעע. דער קריעג האט זיך פערצויגען, נאר די אונאבהאנגיקייט פון די קאלאניען איז געווען געזיכערט.

דער קאנגרעס פון די קאלאניען האט זיך געמוזט נעהמען צו דער ארבייט — אויס צו ארבייטען א פראיעקט פון א פעדעראציאן (בונד) צווישען די קאלאניען. אזוי איז געליינט געווארען דער פונדאמענט צום בונד דער פעראייניגטער שטאאטען.

אין דער זעלבער צייט איז די ארבייט צו ארגאניזירען די פערוואלטונג אין יעדען שטאאט בעזונדער - געגאנגען פארווערטס, און פראנקלין האט זיך אין אללע דיזע ארבייטען זעהר פיעל בעשעפטיגט. אין אללע שטאאטען זיינען, לויט דעם ענגלישען מנהג, געגרינדעט געווארען צוויי געזעצגעבערישע פערזאממלונגען: די אויבערשטע און די אונטערשטע. אין דער אויבערשטער פאלאטע זענען געזעסען איינגענטימער פון בעדייטענדע גרונד פערמאגען (פאמיעשציקעס), אין דער אינטערשטער זיינען געזעסען דאס רוב פארשטעהער פון פאלק. אין די צוויי שטאאטען אבער פענסילוואניען און נעארגיען, וואו פראנקלין האט געהאט אשטארקען איינפלוס, איז געבילדעט געווארען נאר איין פאלאטע. „די הויפט צוועקען פון אבירגערליכער, געזעללשאפט זיינען גלייך פאר ארמע און רייכע”, האט פראנקלין געזאגט. פאר וואס-זשע זאלל מען געבען די רייכע דעם פארצוג? פאר וואס דארף מען זיי זעצען אין אבעזונדערע לאגע און אבגעבען זיי די האלפט פון די געזעצגעבערישער מאכט? שוין דער נאמען „אויבערשטע פאלאטע” אלליין איז אנערניעדריגונג פיר די פאלקס-מאססע, וואס איהרע פארשטעהער רופען זיך „אונטערשטע פאלאטע”. פראנקלינס פרינציפען זיינען אבער געוועזען צו פריה פיר יענע צייט און אין פענסילוואניען און אין געארגיען זיינען באלד אויך איינגעפיהרט געווארען „אויבערשטע פאלאטען”. נאר דא האבען זיי געהאט ארעמאקראטישערן חאראקטער, דען די מיטגליעדער פינ'ם סענאט זיינען, אזוי ווי די מיטגליעדער פון דער נידעריגער פאלאטע, אויסגעקליעבען געווארען דורך אללגעמיינע שטיממונג, אזא ארדנונג איז דערנאך אנ-

גענומען, געוואָרען אין אַללע איבעריגע שטאַאטען, און אַמעריקא האָט אויף דיזע וויזע פראַנקלינען צו פערדאַנקען דאָס, וואָס זי האָט זיך בעפרייט פון דער הערשאַפט דער גוטס-בעזיצער.

אינדעססען איז דער קריעג נעגאַנגען מיט זיין אָרדנונג. דאָס גליק איז יעצט געווען אויף דער זייטע פון די אַמעריקאנער, וועלכע האָבען דאָ צוזאַממען מיט די פראַנצויזען, דאָ אַלליין, געווינען אַזיעג נאָך א זיעג איבער דאָס ענגלישע מיליטער. פון דעסטוועגען האָט די ענגלישע רעגיערונג מיט עקשנות וויטער געפיהרט דעם קריעג, ניט אַכטענדיג דאַרויף וואָס פיר אַלעמען איז געווען קלאָר, אַז ענגלאַנד איז ניט אום שטאַנד מאַכען אונטערטהעניג די קאָלאָניען. עס האָט אויסגעזעהן אַז דער קריעג וועט זיך צוועקלאָז פערציעהען נאָך לאַנג. פראַנקלין האָט בעשלאָססען אוים צו נוצען זיינע בעקאַנטשאַפט אין ענגלאַנד מיט גרויסע מאָננער, אום צו ווירקען אויף די ענגלישע רעגיערונג זי זאָלל מאַכען א'ענדע פון דעם קריעג. צום גליק האָט זיך אין יענער צייט אין ענגלאַנד אומגעביטען דאס מיניסטערטהום און לאָרד שעלבארן, פראַנקלינס אַגוטער בעקאַנטער, איז געוואָרען ערשטער מיניסטער. אין קורצען איז געשלאָססען געוואָרען פריעדען. אין דעם יאָהר 1783 האָט פראַנקלין, אַלס איינער פון די דריי בעפאָלמאַכטיגטע פון קאָנגרעס דער פעראייניגטער שטאַאטען אונטערגעשריעבען דעם פריעדענסטראַקטאַט, מיט וועלכען ענגלאַנד האָט אַנערקענט די אונאַבהאָנגיקייט פון די אַמעריקאנישע קאָלאָניען.

אַזוי האָט זיך געענדיגט דער פיעל יאָהריגער קאַמפף, וועלכען די אַמעריקאנער האָבען געפיהרט אום זייער בעפרייאונג און אין וועלכען פראַנקלין האָט גענוממען דעם גרעסטען אַנטהייל אויף די פערשיידענע פלאָצער: דאָ אַלס געזעצגעבער, דאָ אַלס אַדמיניס-טראַטאָר, דאָ אַלס דיפלאָמאַט. בשעת שליעסען דעם פריעדענס-טראַקטאַט מיט ענגלאַנד איז פראַנקלין שוין אַלט געווען 77 יאָהר און פאָלגליך האט ער געהאט פאָללקאָממענעס רעכט אַבצורוהען דעם רעסט פון זיין לעבען. נאָר דיזער אונערמיעדליכער מענש האט רוהען ניט געקענט און ווי מיר וועללען באלד זעהן, האט ער

ביז דעם לעצטען טאָג פון זיין לעבען וויטער געאַרבייט פאַר'ן טובת הכלל, פיר דאָס אַללגעמיינע גליק.

VIII.

פראַנקלינס לעצטע יאהרען.

קוים איז געווען דער קריעג צו ענדע, האָט זיך אָנגעפאַנגען פיר די פעראייניגטע שטאַאַטען די וויכטיגע ארבייט איינצופיהרען אינגער-ליכע אָרדנונגען און איינשטעללען אויסערליכע פערהאַלטניססע צו אַנדערע נאַציאָנען. חאָטש פראַנקלין איז געווען זעהר אַלט האָט ער אין דיזער ארבייט גענוממען דעם וויכטיגסטען אַנטייל. דיזע ארבייט איז בעשטאַנגען פון צוויי טייל: ערשטענס האט מען געדאַרפט אויס-אַרבייטען אַקאָנסטיטוציע און בעקאַנגט מאַכען דאמיט די איירָאָפּיי-אישע רעגיערונגען און צווייטענס בעקאַנגט מאַכען די פאָלקס-מאַססען פון די איירָאָפּאָאישע לאָנדער מיט די נאַטירליכע בעדינגונגען פון אַמעריקא. דאָס איז געווען נאָטיג, ווייל אַמעריקא איז דאַן בעשטאַנגען כמעט דורכאויס פון אונגעהייערע וויסטע לאַנד-שטרעקען, וועלכע האָבען זיך גענויטיגט אין בעפאָלקערונג. פראַנקלין האט אלזאָ גע-וואָללט בעקאַנגט מאַכען די מאַססען, וועלכע ווינשען צו עמיגרירען אין אַמעריקא, מיט די מיטטלען און בעדינגונגען פון איינוואַנדערן און בעזעצען זיך אין אַמעריקא און ווי אזוי צו בעקוממען פרייע ערד. דערמיט האָט ער געוואָללט פערשטאַרקען דאס צושטראָמען פון עמי-גראַנטען, אין וועלכע דאס נייע, גראָסטענטיילס אונבעפאָללקערטע לאַנד, האָט זיך זעהר גענויטיגט. צו דעם צוועק האט פראַנקלין אַרויס געגעבען אַ בוך אין וועלכען עס איז געווען געזאַממעלט אַללע ידיעות, און דאָס בוך איז אָנערקענגט געוואָרען, אלס דאס בעסטע אין זיין פאַך.

אויסער דיזע ארבייטען איז אָבער דאָס וויכטיגסטע געווען די ערנסטע אַרבייט צו שאַפֿען אַפּעסטע אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָלל פֿערבינדען די בעזונדערע שטאַאַטען, וואס יעדער איינציגער פֿון זיי איז געשטאַנען פֿעסט פֿיר זיין זעלבסטשטענדיגקייט. אום אויסצופֿיהרען דיזע אַרבייט האָט מען צוזאַממענגערופֿען אַבעזונדער פֿערזאממלונג, וואָס האָט געטראָגען דעם נאָמען „קאָנווענץ", די קאָנווענץ" האָט אויסגעאַרבייט די בעריהמטע אַמעריקאַנישע קאָנסטיטוציע. דורך דיזע קאָנסטיטוציע זיינען די קליינע, וועניג בעפֿאָלקערטע ענגלישע קאָלאָניען פֿערוואַנדעלט געוואָרען אין איינעם פֿון די גראָסטע און מאָכטיגסטע רייכען (מדינות) פֿון דער וועלט. דיזע פֿערזאַממלונג האָט פֿעראייניגט אין זיך די בעסטע און אינטעליגענטעסטע קראַפֿטען פֿון דער וועלט. דער פרעזידענט פֿון דער קאָנווענץ איז געווען וואַשינגטאָן, דער אַנפֿיהרער פֿון אללע אמעריקאַנער אַרמייען אין דער צייט פֿון דעם בעפֿרייאונגס קריעג און דער נאָך דער ערשטער אַמעריקאַנער פרעזידענט. עס פֿערשטעהט זיך, אַז די פֿערזאַממלונג האָט ניט געקאָננט אויסקומען אָהן פֿראַנקלינען. מען האָט געדאַרפֿט בעזיצען אַבעזונדערע קאָנטנים, אום צו פֿעראייניגען די פֿערשיידענע עלעמענטען, פֿון וועלכע עס איז בעשטאַנען די פֿערזאַממלונג און איבערצייגען זיי צו אָפּפֿערן זייערע פערזאָנליכע אינטערעססען פֿיר דעם אַללגעמיינעם גליק. (טובת הכלל). דיזע שווערע ראָללע האָט פֿרייוויללינג גענומען אויף זיך פֿראַנקלין און האָט זי אויסגעפֿיהרט גלאָנצענד.

די קאָנסטיטוציע איז אָנגענומען געווארען אין מאָנאַט זעפּטעמבער פֿון דעם יאָהר 1787. דריטהאַלבען יאָהר פֿאַר פֿראַנקלינס טויט. דיזע לעצטע טאָג פֿון זיין לעבען האט פֿראַנקלין אָבגעגעבען זיך דעם קאַמפף מיט דעם שקלאַפֿענהאַנדעל, וועלכען ער האָט געהאַסט פֿון קינדהייט אָן. פֿראַנקלין איז אימער געשטאַנען אויף דער זייט פֿון אונטערדריקטע און האָט געקאָמפפט געגען יעדע בעדריקונג. קריעג האט ער געהאַלטען פֿיר די שאָנדליכסטע ערשיינונג אין דער מענשהייט און האט זיך געמיהט, ווי וויט ער האָט געקאָננט צו ערלייכטערן די אונגליקען פֿון מלחמה פֿיר די פֿאָלקער.

וואס בעלאנגט דער שקלאפעריי, האט פראנקלין, ווערענד זיין לעבען, ארויסגעגעבען קעגען איהר אייניגע ביכער און האט געגרינדעט די ערשטע געזעלשאפט צו פערניכטען די שקלאפעריי. די געזעללשאפט האט בעקומען אימער מעהר אנהאנגער און פראנקלין אלס פרעזידענט פון דער געזעללשאפט, האט זיך קורץ פאר זיין טויט געווענדעט צום קאנגרעס מיט דער פאדערונג צו פערניכטען די שקלאפעריי. „אללע מענשען — האט פראנקלין געשריבען אין זיין בקשה צום קאנגרעס — זיינען גלייך געבארען און האבען גלייכע רעכט אויף פרייהייט און גליק. דאס זיינען כללים, וואס זיינען גאנץ איינשטימיג מיט די פאליטישע גרונדגעזעצען פון די אמעריקאנער, דעריבער האלטען די אונטערגעצייכענטע פיר זייער שולד אנצווענדען אללע געזעצליכע מיטטלען אום צו פערטיליגען די שקלאפעריי און מאכען פיר יעדען מענשען מעגליך דעם גענוס פון דער פרייהייט". דער באדען איז אבער נאך דאמאלס געווען ניט צו געגרייט פיר אזעלכע געזעצע און די פעטיציאן (בקשה) האט מען ענטזאגט. דאך האט פראנקלין אויסגעפיהרט, אז דער קאנגרעס זאלל ארויסגעבען אייניגע געזעצע צו לינדערן און בעשרענקען די שקלאפעריי און פערבאטען דאס ארייינפיהרען שקלאפען צום פערקויפען ביי אויסלענדישע סוחרים אין די פעראייניגטע שטאאטען.

די פעטיציאן געגען שקלאפעריי האט פראנקלין אונטערגעשריבען אייניגע טעג פאר'ן טויט. דער מיט האט זיך ווירדיג געענדיגט דאס לעבען פון דעם גרויסען מאן. פראנקלין האט אויף דיזע וויזע בעוואהרט ביז דעם לעצטען אטהעם די טרייהייט צו די עדלע שטרעבונגען, דעם לעבהאפטען אנטייל צו דעם שיקזאל פון די געדריקטע און הייסע ליעבע צום פאטערלאנד. צוזאממען דער מיט האט ער בעוואהרט ביז סאמע טויט די קלארהייט פון פערשטאנד, גייסטיגע פרישקייט און מינטערקייט, פרייליכע אויפגעלייגטקייט און היציגקייט פון א יונגען מאן. ער איז געשטארבען מיט דעם בעוואוסטזיין, אז ער האט טריי ערפיללט זיין פפליכט פיר זיין פאטערלאנד, פיר דער גאנצער מענשהייט, און ארומגערינגעלט פון אללגעמיינער ליעבע און טיפער אכטונג. קורץ פאר זיין טויט

האט ער בעקוממען א בריעף פון וואשינגטאנען — אויך אזוי ווי ער, איינער פון די גרעסטע מענשען אין אללע צייטען און לאנדער — און אין דעם בריעף איז געווען ריכטיג אויסגעדריקט דאס פערהעלטניס פון גאנץ אמעריקא צו דעם שטערבענדען גרויסען מאן. „ווען די אכטונג פיר מענשענליעבע, בעוואונדערונג פיר טאלענט, פערעהרונג פיר פאטערלאנדסליעבע קעננען צופריערענשטעללען אמענשליכע זעעלע, האט איהם וואשינגטאן געשריעבען, „דארף איך, ביי אללע איירע קארפליכע לײדען, טרייסטען דאס בעוואוסט זיין אז איהר האט געלעבט ניט אומזיסט“. און פראנקלין האט אהן א שום ספק, געהאט דאס פאללקאממענע רעכט צו זאגען, אז ער האט ניט אומזיסט געלעבט....

פראנקלין איז געשטארבען דעם 17 אפריל אין דעם יאהר 1790. זיין טויט האט איבעראלל געמאכט א גרויסען רושם און בעזאנדערס אין אמעריקא. דער קאנגרעסס האט בעשלאססען צו טראגען טרויער-צייכען צייט א מאנאט, אום דאמיט צו עהרען דאס אנדענקען פון דעם בירגער, וואס זיין גייסט איז געווען א צירונג פאר דער מענשליכער נאטור און זיינע פערשיידענע שטרעבונגען האבען געדינט צום נוצען דער וויססענשאפט, דער פרייהייט און דעם פאטערלאנד“.

עגדע